№34 Opłata pocztowa opłacona ryczałtem. • פרייז 20 גראשען. • „CZENSTOCHOWER CAJTUNG".

טשענסטאכאווער צייטונג

Biblioteka Jagiellońska Kraków św. Anny 19.

Piątek 23 sierpnia 1935 | ליכט-צינדען 6.29 | פרייטאג פ׳ ראה כ׳ד מנחם אב תרצ״ה.

Dr. Med.
M. Kohn-Szajnowa
chor. kobiece i akuszerja
powróciła
przyjmuje od 8—10 i 3—6 pp.
Aleja Wolności 3-5. Telef. 18-62.

בעקאנטמאכונג.
עס ווערט בעקאנט געמאכט דאס היינטיגען
שבת, פ׳ ראה
8=45 א זייגער פריה וועט דער אבערקאנטאר
ה׳ אליעזר פינקעלשטיין
אבריכטען דאס גאטעסדיענט אין דער
נייער סינאגאגע.

אכטונג וויעלון!
אבסאלווענטין פון ד״ר ברוידע׳ס העברעאיש
גימנאזיום **מרגלית שאיא** ערטיילט לעק-
ציעס און קארעפעטיציעס פון וועלטליכע למודים און יודאאיסטיק
(ווי: העברעאיש, תנ״ך, היסטאריע) אין די ראהמען פון 8 גימנא-
זיאל-קלאסען, איינצעלנע, ווי אויך גרופען.
בעמערקונג: יודאאיסטיק געגעבן לויט׳ן גימנאזיאל-פראגראם.

אכטונג וויעלון און פראווינץ!
שטענדיג אויף׳ס לאגער
טאשען-לעמפלעך, באטעריעס, אנאדען צו ראדיעס,
זשארובקעס, „העליאס", „פיליפס" און „אסראם„
אברהם פאקולא, וויעלון, פלאץ לעגיאנוב 10
בעמערקונג: געגענהייטליך צו פערקויפען א פרימא, גוטען ליטשניק
פאר א זעהר ביליגען פרייז.

אכטונג וויעלון!
צו פערדינגען א שטאדט אין דער אויבערשטער
פרויען-שוהל, די דריטע רייהע פון דער מזרח-
וואנד.
צו ערקונדיגען זיך אין דער רעדאקציע.

Szkoła tańców
baletm. Kosteckiego
w lokalu własnym
ul. Waszyngtona № 6.
Uwaga: Zapisy na kursy, lekcje pojedyńcze codziennie od 10 rano do 9 wiecz. Ostatnie nowości. Gwarancja wyuczania
אכטונג: יעדען שבת קומט פאר פראקטישע לעקציע
פאריזערישע געזעלשאפט. אנהויב 8 אוו. 1-קלאסיגע מוזיק

FARBIARNIA, PRALNIA CHEMICZNA
„KRYSZTAŁ"
ul. Berka Joselewicza 2.
מיר נעמען אן צו וואשען **קראגענס** מיט לאנג-דויערענדע
שפיגעל-גלאנץ, אויך נעמען מיר אן **כעמיש** צו רייניגען און
צו פארבען אלערארט קליידונג.
ספעציאליטעט: 1) פארבען לעדערנע.קורטקעס
2) דעטאשירען (ארויסנעמען פלעקען אהן וואשען).
אכטונג: פלעקען ווערען ארויסגענומען אויפ׳ן ארט

זה עכשו הופיע ספר
„זכרון מלך"
מאת הרב נחום אש אבד״ק טשענסטחוב.
הספר כולל שורה של מאמרים ע״ד הרמב״ם ופעולתו הספרותית
והצבורית ליום הולדתו השמונה מאות.
המחיר — 1.50 זה׳. להשיג בבית-הדפוס של מר באטשאן, שדרה 6.

GIMNAZJUM TOW. ŻYD. SZKÓŁ ŚREDNICH i POWSZECHNYCH
w Częstochowie, Dąbrowskiego 7, tel. 11-58.
Egzaminy do wszystkich klas gimnazjum (z wyjątkiem kl. VIII) oraz szkoły powszechnej odbędą się
dnia 3 września r. b. o g. 9 rano.
Zgłoszenia przyjmuje kancelarja do dnia 2 września.

וואהל-קאמיטעט צום גרינדונגס-קאנגרעס פון דער נ. צ. א.
מארגען, שבת ד. 24 ד. ח. 11 פארמיטאג
אין קינא „אטלאנטיק" קומט פאר
א גרויסער מאסען-מיטינג
געווידמעט די **וואהלען צום קאנגרעס פון דער נייער ציונ. ארגאניזאציע**
מיט דער בעטייליגונג פון **ד״ר ש. יוניטשמאן** מיטגליד פון צענטראל-קאמיטעט פון ברית הצה״ר אין פוילען.
איינגאנג פריי.

ZARZĄD
Szkoły Zawodowej Dokształcającej Żeńskiej dla Terminatorek
przy Związku Rzemieślników-Żydów
zawiadamia, że zapisy odbywają się codziennie od 20-go do 30-go sierpnia r. b. w kancelarji szkoły przy ul. Wilsona 18, od godz 6-ej do 8-ej wiecz.

Kierownictwo
Prywatnej 7-io Klasowej Szkoły Powszechnej
z prawami szkół państwowych
B. Wajnberżanki-Szlezyngierowej
w Częstochowie, Aleja 8
przyjmuje zgłoszenia nowowstępujących do wszystkich klas.
Kancelarja czynna codziennie od 9—1.
Nauki judaistyczne w szerokim zakresie. Dla niezamożnych ulgi.

טיעפען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס אונזער ג׳ ראט מיטגליד
ה׳ **יוסף יונג** צוליעב׳ן טויט פון זיין
פאטער נ״ע
פערוואלטונג און ראט פון
באנק קרעדיטאווי אין וויעלון

הננו משתתפים בצערו של יושב-ראש הקהלה בוילון מר **יוסף יונג**
במות עליו בעיר פיוטרקוב א ב י ו הישיש והנכבד באדם
שמואל יונג נ״ע
המקום ינחם אותו ובעבודתו לטובת קהלתנו ימצא נחומים.
חברי שלטון הקהלה בוילון
אברהם בעסער, יעקב שאיא, זלמן הארואוויטש, אהרן לייב אראנאוויטש,
מענדל גרינשטיין, ד״ר מ. וועלטמאן, חיים באבראווסקי.

צו דער חתונה פון אונזער ברודער און שוואגער
יצחק רייבער מיט **שרה שעהנהאלץ**
ווינשען א הערצליכען מזל-טוב און א גליקליכע צוקונפט.
יהודה רייבער און פרוי.

צו דער חתונה פון אונזער ליעבע קוזינקע
פעלא בראט מיט ה׳ **י. מארקאוויטש**
ווינשען מיר א הערצליכען מזל-טוב און א בליהענדע גליקליכע צוקונפט.
ש. בראט און פאמיליע.

צו דער חתונה פון פרל. **סאלא שענהאלץ** מיט ה׳ **יצחק רייבער**
מיין הארציגען מזל-טוב און א גליקליכע צוקונפט ווינשט
מרדכי מערין.

צו דער חתונה פון אונזער ליעבען זוהן און ברודער **עמנואל טשעטשורא**
מיט פרל. **עדינה איחילצוק**, וועלכע איז פארגעקומען אין תל-אביב, דעם 13-טען
אויגוסט ד. י. אונזערע הארציגסטע ברכות.
עלטערן און געשוויסטער טשעטשורא.
טשענסטאכאוו.

Z intencji zaślubin p. PINKUSA GROSMANA z p. GUTĄ ŚWIDERSKĄ (Częstochowa) serdeczne życzenia składa
ROZALJA SZAJOWA, Wieluń.

Koledze naszemu PINKUSOWI GROSMANOWI z okazji zaślubin z p. GUTĄ ŚWIDERSKĄ życzymy wiele szczęścia i zadowolenia.
Leon Zajdeman, Henryk Berkowicz, Szlamek Holc, Wieluń.

נאכ׳ן צוריקקומען פון **פראנקרייך, בעלגיען און ענגלאנד.**
אין זאל פון קינא „לונא"
נאר 2 נאר פארשטעלונגען פון טעאטער
„אראראט"
קינסטלעריש אנפיהרונג משה בראדערזאהן.
דינסטאג, דעם 27-טען אויגוסט 9.15 אווענד
גרויסער לאך-פאראד א:
א גדולה אויף דער באבע!..
2 טיילען, 12 בילדער רעזשיסירט דורך ש. דזשיגאן און י. שומאכער.
מיטוואך, ד. 28 ד. ח. 9=15 אווענד
„זמירות מיט לאקשען"
א מבול פון געלעכטער אין 2 טיילען, 12 בילדער.
בילעטען — אין דער דרוקעריי פון ה׳ באטשאן, אין טאג פון דער פארשטעלונג פון 7 אוונט אין קאסע

Zarządowi i członkom Zw. Rzem. Żydów,
którzy w pierwszą rocznicę zgonu mego Ojca
b. p. **Abrama Zukena Frydmana**
dali wzruszający dowód pamięci o Nim, wyraża serdeczne podziękowanie
Córka.

מיר נעמען אנטייל אין צער פון דער **פאמיליע דאווידאוויטש** צוליעב׳ן טויט פון
זייער מאן און פאטער, אונזער לאנגיעהריגער מיטגליד
נ״ע משה דאווידאוויטש
און דריקען אויס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל.
די פערוואלטונג פון בעקער-און צוקערניקעס-צעך
אין טשענסטאכאוו.

אונזער פריינד **חיים עפשטיין** און **פאמיליע** צו זייער גרויסען אונגליק
אונזער טיעפסטען מיטגעפיהל.
ש. פראנק, פ. בלומענקראנץ.

RODZINIE KANTOR
wyrazy szczerego współczucia z powodu zgonu naszego kochanego kolegi
BOLKA
składają: F. Rodał, J. Benclowicz, A. Rozenberg i H. Dykierman.

יודען פערבאָפען זאָוואָדזיע...

דעם יודענפרעסערישער „גאָניעץ", וועלכער זארגט זיך אַזוי שטאַרק ווע-גען דער ראַסען-ריינקייט האָט לעצ-טענס אנגעכאַפּט אַ ציטערניש, באשר — די יודען ווילען פערכאַפּען דאס ריין-פּוילישע געביעט — זאָוואָדזיע.

זאָוואָדזיע — שרייבט דער „גאָניעץ" — איז ביז-איצט געוועזען א ריין-פּויליש מקום, וואו קיין יודישער פוס האט קיינמאל נישט בעטרעטען, נאָר איז געוועזען אָקופּירט דורך עכטע כשר'ע פּאָלאַקען. ווי-נאָר אבער מען האט בע-שטימט אין זאָוואָדזיע דעם מאַרק, אַזוי ווילען שוין פערשידענע יודעלעך דארט אָבקויפען פּלעצער, דינגען געוועלבער, כדי זיך צו פערפעסטיגען.

דערביי רופט די צייטונג אויף די אָרטיגע קריסטען, אַז זיי זאָלען זיך נישט לאָזען אָבנאַרען פון די יודען און פאַר יודאש-מטבעות נישט פערקוי-פען די הייליגע זאָוואָדזיער ערד. אגב גיט דער „גאָניעץ" אַ גיפטיגען שטאָך און ווי זיין שטייגער העצט ער אונ-טער, אַז יודען זענען פרעמדע, שונאים, און אַט די שונאים האבען פערכאַפּט דעם אַלטען מארק, נייעם מאַרק, ער-שטע און צווייטע אַלעע. און דעריבער דאַרף מען זיין זהור ונזהר נישט מעהר לאָזען יודען זיך צו צושפּרייטען.

„פּאָלעמיזירען מיט'ן „גאָניעץ" און איהם אויפווייזען, אַז מיר יודען האָבען די זעלבע רעכט, ווי די עכטע כשר'ע פּאָלאַקען, אַז מיר מיט אונזער בלוט און שוייס געבען צושטייער צו פּוי-לען'ס אונאָבהענגיגקייט און אַז לויט דער פּוילישער קאָנסטיטוציע האבען מיר די זעלבע רעכט צום לעבען, ווי די „גאָניעץ"-לייט — איז איבריג, ווי געזאָגט, קען מען מיט זיי נישט דיס-קוטירען, ווייל נישט זיי פערשטעהן אַ מענשליכע שפּראַך און ווילען גאָרנישט פערשטעהן. אויב מיר נעמען יאָ אַ וואָרט וועגען דער פּראַגע, איז עס נאָר געווענדעט צו אונזערע יודען.

די גאַנצע צייט פון גאָניעץ'ס עק-זיסטענץ, האט די דאזיגע צייטונג די אויפגאַבע נאָר צו העצען אויף יודען, צו וועקען די נידריגסטע אינסטינקטען פון די ברייטע מאַסען, ווענען ס'ווערט כסדר אָנגעוויזען, אַז די יודען זענען שונאים פון פּוילען, אַז אין קריזיס זע-נען שולדיג נאָר די יודען א. ד. גל. מאָ שטעלט זיך די פּראַגע צום הונ-דערטסטען מאל פאַרוואס אונזערע יו-דעלעך, וועלכע מען בעשפּייט אויף טריט און שריט, לויפען מיט זייערע אַנאָנסען און זאָגאר נעקראָלאָגען דוקא צום „גאָניעץ". צי קאָן אזאַ מין מה יפית טרעפען ביי כל אומה ולשון.

אַ גרויסע טייל פון דער יודישער בעפעלקערונג, די אלע מארק-הענדלער, ווי אויך די געוועלב סוחרים פון אלטען און נייעם מארק האָבען צוליעב'ן זאָ-וואָדזיער מאַרק פערלוירען זייערע פּרנסות. איז דאס נאָך ווייניג פאַר'ן „גאָניעץ", און טאמער טראַכט ער בלויז, אַז עס וועט אַ יודען איינפאַלען זיך צו עפענען אַ געשעפט אין זאָוואָ-דזיע, פערלויפט ער גלייך דעם וועג און וואָרענט פאר דער יודישער גע-פאהר.

נישט צום „גאָניעץ" האבען מיר אַ טענה, ווארום א חיה האט חיה'שע אינסטינקטען, אָבער וועה טהוט, ווען די יודען שטיצען אונטער דעם „גאָ-ניעץ" און גיבען איהם חיות צום לע-בען, כדי ער זאל קאָגען אונז אונאויפ-הערליך וועה-טהון.

ש.

Rozjaśnia i nadaje przepiękny
blond kolor włosom
ORION - ESENCJA
Rumiankowa.

האָט רחמנות!

יענע וואָך איז נאָך א שווערע קראַנק-הייט אַרויס פון שפּיטאָל אַן'אָרימע אלמנה, וועלכער עס דראָהט אַן'עק-סמיסיע.

גוטע מענשען דאַרפען רחמנות האָ-בען און ארויסהעלפען דער אלמנה פון איהר נויט.

נדבות ווערען אָנגענומען אין רע-דאקציע.

עזריאל יאַקובאָוויטש.

די מאַניפעסטאַציע פון הערצליאַנישען געדאַנק.

דעם 7-טען סעפטעמבער ה. י. קומט זיך צונויף קיין וויען אין דער אַלטער הערצל-שטאָדט דער גרינדונגס-קאָנגרעס פון דער נייער ציוניסטישער אָרגאַני-זאַציע נ. צ. אָ.

דער געדאַנק פון שאפען אַ נייע ציוניסטישע ארגאַניזאַציע איז נישט קיין נייער; ער איז שוין אַלענפאלס אַזוי אַלט, ווי אַלטס'עס איז דער רע-וויזיאָניזם, ווייל נאָך מיט בערך 12 יאהר צוריק, ווען אין בערלין איז זיך צונויפגעקומען אַן'ענגע בעראטונג פון איינפלוסרייכע ציוניסטישע טהוער מיט'ן צוועק צו פערבעסערען די לאַגע אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און זי צוריקצושטעלען צו דער הערצ-ליאַנישער קאָנצעפּציע. האט דאמאלס זשאַבאָטינסקי, אלס איינער פון די אָנ-טיילנעמער אין דער דאזיגער אַזוי-גע-נאַנטער רעטונגס-קאָנפערענץ, פאַרגע-שלאָגען בכלל איבערצורייסען מיט דער אַלטער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און אויף איהר אָרט אויפשטעלען אַ נייע מעכטיגע אָרגאַניזאַציע, וועלכע זאָל אין זיך ענטהאַלטען די יסודות פון ערשטען באַזעלער קאָנגרעס מיט איהר יודענשטאַט-פּראָגראַם. דער דאזיגער פאָרשלאַג איז אין יענער צייט נישט אָנגענומען געוואָרען דורך דער בעראַ-טונג, ווייל דאס רוב אנטיילנעמער האט זיך ענטשידען אַרויסגעזאָגט גע-געגען דעם רעוואָלוציאָנערען שריט. דא-געגען איז בעשלאָסען געוואָרען צו גרינדען אינערהאלב פון דער ציוניס-טישער וועלט-אָרגאַניזאַציע אַ רעוויזיאָ-ניסטישע גרופּע, וועמענס ציעל עס דאַרף זיין צו רעווידירען די גאַנצע טעטיגקייט פון דער ציוניסטישער אָר-גאַניזאַציע און זי צוריקצושטעלען צו איהר ערשטער באַזעלער פאָרמול.

12 יאהר זענען שוין פערביי פון דער גרינדונג פון דער דאזיגער גרופּע. די קליינע גרופּע האט זיך פונאנדער-געוואַקסען אין אַ מעכטיגען כוח און אָנגעהויבען שפּיעלען אַ וויכטיגע ראָל אין דער ציוניסטישער בעוועגונג. אָבער פון דער אַנדערער זייט האט זיך די לאַגע אין דער ציוניסטישער אָרגאַני-זאַציע גאָרנישט פערבעסערט. די ענד-לאָזיגקייט און אונגלויבען האט וואס אמאל מעהר אָנגעהויבען פרעסען דעם אָפיציעלען ציוניזם. די דרייסטקייט און גרויסצוגיקייט פון הערצל האט דעם ציוניזם פערלאָזט. מען איז גע-גאַנגען אויף די ווייטגעהענדסטע קאָמ-פּראָמיסען און אויף דעם וועג האט מען פערלוירען הערצל'ס שוואונג און די דורך איהם אָנגעצייכענטע גראַד-ליניע.

עס איז איז איצט צוריק רייף גע-וואָרען דער געדאַנק פון שאפען אַ נייע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע. דער רעוויזיאָניזם האט מעהר נישט געקאָנט דולדען די דאזיגע לאַגע און איהר פּרעזידענט איז געוועזען געצווינגען צו-צוטרעטען צו שאפען די נייע ציוניס-טישע אָרגאַניזאַציע. תחילת האט מען געקאָנט מיינען, אַז עס וועט אַרויסרו-פען אַ געגנערשאפט אין די אייגענע רייהען פון רעוויזיאָניזם, אָבער דער פּלעביסציט אין דער בעוועגונג, אין וועלכען ביז צוויי הונדערט טויזענד שטימען האבען זיך דעפיניטיוו אַרויס-געזאָגט פאר דעם אַרויסטריט פון דער אַלטער צ. אָ. און דער שאפונג פון א נייער צ. אָ. האט אין דער פולער מאָס בעשטעטיגט דעם שריט פון פּרעזידענט זשאַבאָטינסקי.

אויפ'ן סמך פון דעם פּלעביסציט איז שוין די רעוויזיאָניסטישע עקזעקו-טיווע צוגעטרעטען צום אָדורכפיהרען די וואָהלען און דעם גרינדונגס-קאָנ-גרעס פון דער נ. צ. אָ.

שוין זונטאג דעם 25-טען אויגוסט קומען פאָר די וואָהלען צו דער נ. צ. אָ. און עס איז צו פערהאָפען, אַז דאָס גאַנצע טשענסטאָכאָווער נאַציאָנאַלע יו-דענטום, אהן אונטערשיעד פון קלאַס, וועט מאַניפעסטירען זייער צוגעבינדענ-קייט צו דעם הערצליאַנישען געדאַנק און זיך אַקטיוו בעטייליגען אין די וואהלען צו דער נייער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, אין וועמענס שפּיץ עס שטעהט דער גרויסער יוד און אונער-מידליכער קעמפער פאַר'ן מלכות-ישראל-געדאַנק — זאב זשאַבאָטינסקי.

דעם 16-טען ד.מ., אין לעצטען טאג פון דער ציהונג פון דער דריטער קלאַס פון דער מלוכה-לאָטעריע איז אַרויסגע-צויגען געוואָרען 3 געווינסען צו 100 טויזענד זלאָטעס. די געווינסען זענען געפאַלען אין וואַרשאַווער קאָלעקטורען אויף די נומערן: 103.052, 59,861 און 35,922.

איינע פון די פערטלעך פון נומער 103.052 האבען געקויפט די ה"ה יעזשאַק און ריימאַן, צוויי חברים מעכאַניקער, וועלכע מיר זעהען אויף דער פאָטאָ-גראַפיע.

אין קאָרגע 3 וואָכען ארום, ד.ה. דעם 6-טען סעפטעמבער וועט זיך אָנהויבען די ציהונג פון דער 4-טער קלאַס און דעם 21 טען פון זעלבען מאָנאַט וועלען מיר זיך דערוויסען, ווער ס'האט געווי-נען דעם מיליאָן זלאָטעס.

אָבער אפילו די, וועלכע וועלען גאָר-נישט געווינען אין דער קלאַס, פערלי-רען נישט אינגאַנצען זייערע שאַנסען, ווייל זיי וועלען אנטיילנעמען אין דער אומזיסטער חנוכה ציהונג, וועלכע איז בעשטימט געוואָרען אויף דעם 20 טען דעצעמבער ה. י.

זונטאָג די וואָהלען צו דער נייער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

זונטאג, דעם 25-טען ד. ח. קומען פאָר די וואָהלען צום גרינדונגס-קאָנ-גרעס פון דער נייער ציוניסטישער אָר-גאַניזאַציע, וועלכע קומט זיך צונויף דעם 7-טען סעפטעמבער אין וויען.

צוליב דער גרויסער פּראַינטערע-סירונג און דער גרויסער צאָהל אונ-טערגעשריבענע דעקלאַראַציעס קומען פאָר די וואָהלען ביי אונז אין שטאָדט אין 4 וואָהל לאָקאַלען.

אין אַלגעמיין זענען פערהאַן דריי ליסטעס צו די וואָהלען:

ליסטע נומ. 1 איז די ליסטע פון הצה"ר, בית"ר, החיל און אלע אנדערע רעוויזיאָניסטישע גרופּירונגען ווי אויך די ווירטשאַפטס-גרופּען, ווי: האַנדווער-קער, קליינהענדלער און סוחרים. די ליסטע נומ. 1 ווערט געפיהרט דורך פּרעז. זשאַבאָטינסקי'ן. אויף דער דאַ-זיגער ליסטע פיגורירען אויך די בע-קאַנטע פיהרער פון אמעריקאַנער אַל-געמיינע ציונים ראַבביי נוימאַן און יעקב דע-האַז. דער לעצטער איז געוו. פּריוואַט סעקרעטאַר פון ד"ר טעאָדאָר הערצל.

ליסטע נומ. 2 איז די ליסטע פון אגודת החרדים, ברית ישורון און „אינ-ציאַטיוו-גרופּע" פון מזרחי ווי אויך א טייל פועלי אגודת ישראל.

די דאַזיגע רעליגיעזע ליסטע ווערט געפיהרט דורך די רבנים מנחם זעמבא און הרב זילבערשטיין פון פּראַגא ווי אויך הרב בלומענפעלד, פּרעז. לוי יונגסטער, ברוך גאָטעסדינער, י. אי-וויאַנסקי א. א.

ליסטע נומ. 3 איז די ליסטע פון רעוויזיאָניסטען קנאים פון וועלכער עס שטעהט בראש דער בעקאַנטער ציוני-ניסטישער עסקן אדוו. אלחנן לעווין.

די אַלע, וועלכע האבען אונטערגע-שריבען די יודענשטאַט-דעקלאַראַציעס מוזען געדענקען מיטצוברענגען אין דער וואָהל אורנע די דעקלאַראַציעס, בכדי זיי צו קאָנען אויסטוישען אויף הערצל-שקלים. בעת דער צייט פון קאָנגרעס וועט אין וויען פאָרקומען א אויסשטעלונג פון די דעקלאַראַציעס. נאכהער וועט אויך אַרויסגעגעבען ווע-רען א רשימה-בוך פון אלע וועהלער צום ערשטען היסטאָרישען קאָנגרעס פון דער נייער ציוניסטישער אָרגאַני-זאַציע.

נדבות פאַר „תומכי עניים".

ה' גרשון פּרעגער צוליב דער חתונה פון זייער טאָכטער 25 קילאָ ברויט, ה' פ. פּראַפּאָרט א נדר צוליב דעם געזונד ווערען פון זיין פרוי 25 קילאָ ברויט.

מילכיג אָדער פליישיג?...

וואַהל-פעליעטאָן

בעת מיין לעצטען געשפּרעך מיט מיין שכן גרונם פּלטיאל זענען מיר גע-קומען אויף דער טעמא: וואהלען צום סיים.

מיין שכן האט דערביי ענטוויקעלט, ווי זיין שטייגער, א גאַנצע פילאָזאָפיע וועגען די וואָהלען. ער האט געוואָלט דערגעהן דעם שכל פון דער אָרדינאַציע און פאַרוואס א טייל געהן יאָ צו די וואָהלען פאַרוואס אנדערע האבען פיי-ערליך ערקלערט, אז זיי וועלען אין די וואָהלען קיין אנטייל נישט נעמען.

— פריהער—ערקלערט מיר מיין שכן —האט יעדע פּאַרטיי געהאַט די מעג-ליכקייט ארויסצושטעלען אייגענע ליס-טעס. ווער ס'האט געהאט פערדינסטען פאַר דער פּאַרטיי, דער האט שפּעטער געקאָנט זוכה זיין צו א סיים-בענקיל און ער האט באלד בעקומען שכרו בידו, איי, די פּאַרטייען האבען זיך ארומגעריסען און דערמיט האבען זיי חרוב געמאַכט דאס, וואס מ'האט איי-גענטליך געדאַרפט בויען, האט עס זיי נישט געאַרט, ווייל פאַר זיי האט עק-זיסטירט די פּאַרטיי און נישט די טובה פון דער אלגעמיינער בעפעלקערונג. איז געקומען דער לעצטער סיים און האט אָנגענומען א נייע קאָנסטיטוציע מיט א שפּאָגעל נייער אָרדינאַציע וואס מאַכט א סוף צו די פערשידענע שפּי-לערייען פון די פּאַרטייען. די הויפּט ראָלע וועלען יעצט שפּיעלען פּערזאָנען ד"ה מען שטימט נישט אויף פּאַרטייען, נאָר אויף מענשען און אפילו די קאַנ-דידאַטען מוזען צוערשט געוועהלט ווע-רען דורך עלעקטאָרען. און ערשט דא-מאלס קומט דער פּשוט'ער וועהלער און בעשטימט ווער עס זאל זיין זיין פערטרעטער אין סיים.

מיט דעם דאַזיגען בעשלוס—רעדט ווייטער מיין שכן גרונם פּלטיאל—הא-בען די פּאַרטייען פערלוירען זייער אינהאַלט, ווייל וואס קאָן מען אויפ-טהון מיט א פּאַרטיי, ווען זי קאָן נישט טיילען קיין כבודים. נו, איז דעריבער נישט קיין וואונדער, ווען סיי פון רעכטס און סיי פון לינקס האבען די פּאַרטיי פיהרער ערקלערט, אז זיי וועלען אין די וואָהלען זיך נישט בעטיי-ליגען.

הלואי—גיט מיין שכן צו—וואָלט מען אויך ביי אונז אין דער יודישער גאַס געקאָנט אָבשאַפען די פּאַרטייען, ווייל נאָר די פּאַרטייען דאס איז אונזער אומגליק, ווייל אויך ביי אונז איז דאס אונזער חורבן. דאס, וואס דאס יודישע לעבען איז איצט אזוי בשפל-המצב, איז נאָר א דאַנק די פּאַרטייען מיט זייערע מחלוקות. אָט גיט א קוק—גיט מיר צו פערשטעהען מיין שכן—ווען עס איז געשאַפען געוואָרען פאַר א פּאָר יאהר צוריק אין אונזער שטאָדט דער אנטי-היטלער קאָמיטעט, דאַכט זיך אַן'ענין, וואס דאַרף פּעראינטערעסירען אלע יו-דען אָהן אויכנאַהם, זענען געקומען פּאַרטייאישע קעכלעפעל און האבען געזאָגט: לא—דאס הייסט דער אנטי-היטלער קאָמיטעט איז טאַקע גוט, נאָר אונזער פּאַרטיי מוז האבען די העגע-מאָניע. און אָט צוליב די פּאַרטייאישע מחלוקת איז דער אנטי-היטלער קאָמי-טעט אוועקגעקומען אָהן „שמע ישראל", און אפילו איצט, ווען עס איז געשאַ-פען געוואָרען א יודישער קאָמיטעט צו די וואָהלען אין סיים און סענאַט, אין וועלכען עס זענען פערטרעטען כמעט אלע יודען פון טשענסטאכאוו, קומען צו געהן פּאַרטיי-קאָכלעפעל און זאָגען ווידער: לא—עס געפעלט זיי נישט דער קאָמיטעט, ד"ה מיט'ן ענין גופא זענען זיי אפילו מסכים, נאָר ווען איז דאס געזאָגט געוואָרען, אויב זיי וועלען האבען די העגעמאָניע איבער אַלעם. אָט צוליב די פּאַרטייען מוז מען זיך ביי אונז, יודען, כסדר ארומ-קריגען; דאס איז דער גאַנצער אינ-האַלט פון זייער חיות. ווען מען וואָלט אָבער אָבגעשאַפט די פּאַרטייען, וואָל-טען מיר ווייניגער צרות געהאט. וואס קומט אָבער ארויס, אז דערווייל איז עס מעהר נישט, ווי א גוטער וואונש...

איצט פּאַניע סמאַל — ציהט ווייטער מיין שכן — ווייל איך אייך פרעגען אַ שאלה: ווי בעוואוסט, האט אויך דער ציוניסטישער צ. ק. ארויסגעגעבען אַ דעקלאַראַציע, אַז זיי נעמען נישט קיין אנטייל אין די וואהלען, כאטש, ווי לצים זאָגען, האבען זיי ערשט אַרויס-געגעבען די דעקלאַראַציע אין דער לעצטער מינוט, ווען זיי האבען איינ-געזעהען, אַז זיי וועלען קיין אייגענעם דעפּוטאַט סיי-ווי נישט האבען. נאָר זאל זיין, אַז זיי זענען אויך אַ גרויסע פּאַרטיי, מיט דעמאָקראַטישע פּרינצי-פּען און כדי צו זיין קאָנסעקווענט פאר זייערע לינקע חברים, מיט וועלכע זיי זענען ענג פערבינדען, נעמען זיי אויך נישט קיין אנטייל אין די סיים-וואה-לען, וואס זענען לויט זייער אויפפאַ-סונג נישט קיין דעמאָקראטישע. טאָ ווי קומט דאס, ווי דאס איז געוועזען דער פאל ביי אונז אין טשענסטאָכאָוו, אַז זייערס אַ פאַרשטעהער אַן'עלעקטאָר זאָל זיך יאָ אַקטיוו בעטייליגען אין די וואהלען און נאָך זיך הרג'ענען און אָגיטירען, אַז מען זאל דוקא וועהלען „זיינס" אַ קאַנדידאַט. ממה נפשך — אויב זיין אַ טרייער מיטגליד און זיך האלטען אין די בעשלוסען פון אייגע-נעם צ. ק., וואלט דאך אָט אַזאַ פאַר-שטעהער געדאַרפט טהון דאס זעלבע, וואס די פאַרשטעהער פון דער אָפּאָ-זיציע — אָבגעבען ווייסע קוויטלעך. אויב ער האט אָבער יאָ געוועהלט און נאָך אָגיטירט, אז מען זאל וועהלען, טאָ ווייס איך שוין גאָרנישט, וואס דאָס איז — צי ער איז מילכיג אָדער פליישיג?

ס'איז מיר אויך קשה, וואס אזא צייטונג, ווי דער „היינט", וועלכער ווערט געלעזען דורך אַ סך יודען, וועלכע זענען נישט דוקא קיין שטרענג פּאַרטייאישע, ווי קומט דאס וואס אזא צייטונג העצט געגען דער קאַנדידאַטור פון אזאַ ציוניסטישען עסקן, ווי עס איז דער ד"ר גאָטליב; צי זאל דאס נאָר זיין דערפאַר, ווייל יענער איז א מיטארבייטער פון דער געגנערישער צייטונג, איז דעריבער זעהר כדאי צו וויסען, וואס איז דער „היינט" — מיל-כיג אָדער פליישיג?

— זייט נישט קיין שוטה—האָב איך אָבגעענטפערט מיין שכן—די טשענ-סטאכאווער יודען, זאָלט איהר וויסען, האבען בנוגע די—וואָהלען גופא נישט קיין שלעכטע כונות. אונזערע יודען, וואס זיי זאָלען נישט זיין זענען זיי קודם כל בירגער און וועלען דעריבער זייער בירגערליכען חוב דערפילען. אין טאָג פון די וואָהלען וועלען דעריבער אַלע געהן צו די אורנעס און ערפילען זייער פליכט. אונזערע טשענסטאכאווער יודען זענען נישט מילכיג און נישט פליישיג — זיי זענען כלל-ישראל-יודען, פאַרוועגע יודען...

סמאַל,

א. י. קאָטלאַרעק.

היסטאָרישער אמת.

א. י. קאָטלאַרעק איז איינער פון די שעפער פון „אגודת-החרדים" אין פוילען, וועלכע איז לעצטענס צוגעטרעטען צו דער נ. צ. אָ. — רעדאַקציע.

מיט א געפיהל פון אינערליכער פרייד און נאַטירליכער בעגייסטערונג האָט די גאַנצע יודישע געזעלשאַפט אויפגענומען די ידיעה, אַז די רעוויזיאַניסטען האָבען פערלאָזט די אַלטע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע און טרעטען צו צום אויפבוי פון א נייער. די סיבות פון דעם פערלאָזען די אַלטע צ. אָ. און דאס שאַפען אַ נייע וועגען בעקאַנט. דאס געשעהעניש איז אַ פועל יוצא פון אַ לאָגישער קאָנסעקווענץ. טראָץ דעם וואָס עס הערשט אַ פּראָספּעריטי אין א"י קען דאָס פאָרט אונז נישט בעפרידיגען. דער ענין ארץ-ישראל איז נישט ביי יודען אַ פראַגע פון מאַכען אַ קאָלאָניזאַציע אין אַ לאַנד, נאָר עס איז אַ לעבענס-פראַגע פאַר דער יודישער נאַציע: עס איז די איינציגע האָפנונג פון דער יודישער אומה און ווייל די אַלטע צ. אָ. האָט פערלוירען דעם אויטאָריטעט ביי די יודישע מאַסען, און ווייל עס איז אונמעגליך געוועזן אַדורכצופיהרען אַ רעפאָרם אינערהאַלב דער בעוועגונג, וועלכע איז פולקאָם אין באַנקראָט און ווערט געשטויסען נישט מעהר ווי דורך „אינערציע" — דערפאַר האָט געמוזט קומען צו דער אויפטרייסלונג: מען האָט געמוזט די בעוועגונג פערלאָזען.

מיר ווילען אָבער בעריהרען אַט די פראַגע פון אַ גאַנץ אַנדערען שטאַנדפּונקט: נישט פון פּאָליטישער נאַטור און נישט פון סאָציאַל-עקאָנאָמישער, נאָר פון ריין אידעאישען שטאַנדפּונקט. עס וועט אַזוי אַרום נאָך מעהר קלאָר ווערען, אַז דאס אַלץ, וואָס עס איז געשעהן — האָט געמוזט געשעהן.

מיר ווילען שטעלען קאָנקרעט די פראַגע: וואָס זענען טאַקע די סיבות, וואָס די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע איז אַנשטאַט צו ווערען אַ זאַמעל-פּונקט פאַר אַלע שעפערישע כחות ביים יודישען פאָלק, אַנשטאָט צו זיין דורכגעדרינגען מיט שטורם-און-דראַנג פון טרוימער און העלדען — אַנשטאַט דעם איז זי פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ ענגער אינסטיטוציע, אין אַ פּראַגער אויסגאַבע? וואָס איז די סבה, וואָס אַנשטאַט דעם, וואָס איהרע פיהרער האָבען געדאַרפט האָבען דעם מוט צו נעמען דעם גרויסען פאָלקס-אידעאַל און איהם אַרויסטראָגען פאַר דער וועלט, האַנדלען זיי מיט אַט דעם גרויסען אידעאַל, ווי הענדלער און שאַכערס? וואָס איז די סיבה, וואָס אַנשטאַט דעם, וואָס דער ריינער הערצל-יאַנישער ציוניזם האָט געדאַרפט זיין דער רוקען-ביין, דער יסוד פון אַט דער אָרגאַניזאַציע, איז גאָר די לעצטע פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ קריכעריש בעשעפעניש.

כדי צו געבען אַ תשובה אויף אַט די אַלע פראַגען — מוז מען זיך פערטיפען איבער די גרונד-פּרינציפּען פון דער אַלטער צ. אָ.

* * *

געווען אַ צייט פון השכלה ביי יודען. די אַנהענגער פון דער דאַזיגער שיטה האָבען געגלויבט, אַז עס וועט זיך לאָזען בעזייטיגען פון פאָלק „אַל-דאָס שלעכטס, כדי אַזוי אַרום מקרב צו זיין די פריינדשאַפט פון גויים. די השכלה-טעאָריע האָט אָבער באַנקראָטירט. עס האָט נישט געהאָלפען דאָס וואָס יודען האָבען זיך גענומען מיט מיה און שווייס צום אויפבוי פון עקאָנאָמישען לעבען ביי די פעלקער; עס האָבען נישט געהאָלפען היינע'ס לידער וועגען ברידערליכקייט צווישען פעלקער; עס האָט נישט געהאָלפען לאַסאַל'ס טאַלענט.

זצהר אַ סך מיסערפאָלגען און שטרויכלונגען האָט די יודישע אינטעליגענץ דורכגעמאַכט ביז זי איז געקומען צום בעשלוס, אַז יודישע טאַלענטען קאָנען געפונען זייער תיקון נאָר אין די גרענעצען פון דער יודישער געזעלשאַפט. ווייל דער „אינצווייניג" איז גענוג גרויס פאַר דעם יודישען אינטעליגענט, די יודישע קולטור איז גענוג טיעף פאַר שאַרפע קעפּ און געניאַלע מוחות.

אויפ'ן אָרט פון דער באַנקראָטירטער שיטה איז געקומען דער ציוניזם. אָבער וואָס זענען מיר איצט? צי הויבט נישט אָן דער אַלטער ציוניזם צו בענעהן די זעלבע פּעהלערן פון די השכלה-טרעגער?

דערוועקט דען נישט קיין אַנגסט ביי יעדען ערליך-דענקענדען יוד, ווען ער אָבסערווירט דאָס נייע ארץ-ישראל מיט דעם דאָרטיגען נייעם דור, וועמען עס איז לגמרי פרעמד די יודישע פערגאַנגענהייט. דער יונגער דור איז געוואָרען אויס שותף צו דער גאַנצער יודישער געשיכטע. דאָס וואָס יודען האָבען געפיהלט און האָבען דורכגעלעבט אין פערלויף פון טויזענדער יאָהרען זענען דעם יונגען דור אינגאַנצען פרעמד. אַזעלכע רעזולטאַטען פון בלינדען האַס צום ברודער און צום מאַסען-יוד קענען קומען נאָר דאַן, ווען מען ווערט געטריבען דורך איין קרומען געדאַנק — מיין קלאַס איז העכער און וויכטיגער פאַר אַלע פאָלקס-אידעאַלען.

* * *

יעדער שטורם פון אַנ'איבערקעהרעניש זאָגט צו בעסערע צייטען. יעדע דיפערענצירונג בעווייזט אויף דערגרייכונגען פון נייע ווערטען. אָבער דער איצטיגער שריט פון דער גרינדונג פון אַ נ. צ. אָ. קאָן נישט בעטראַכט ווערען פאַר אַ געוועהנליכען אָבנויג, אָדער איבערגרופּירונג פון כוחות, נאָר עס קען בעטראַכט ווערען פאַר אַ נייעם שעפערישען כוח ביים יודישען פאָלק, געלענקט דורך די יסודות'דיגע און היסטאָרישע אמת'ן פון אַ יודישען פאָלק — צו דער פערווירקליכונג פון אַלע אונזערע הייליגע שטרעבונגען...

יודען אין מעקסיקא.

פון ה. לאַנג.

אַנ'אַנגענעמע איבעראַשונג פאַר אַ רייזענדען יודישען זשורנאַליסט — אַ לאַנד אָהן יודישע אָרימקייט, אָהן קלאַג אויף דלות, אָהן געוויין, אָהן יאָמער איבער נויט און הילפסלאָזיגקייט.

איהר בלייבט שטעהן אין וואונדער. איהר ערוואַרט צו געפינען ערשט אין מעקסיקא אַנ'עלענדע יודישע בעפעלקערונג, און איהר הערט גאָר פון יודען מיט וועמען איהר רעדט זיך פונאַנדער: — אָרימקייט ביי אונז?... נו, מילא, נישט צו פערזינדיגען, אַלע אונזעריגע זענען אין געשעפטען!...

אודאי קענען געשעפטסלייט אויך זיין גרויסע קבצנים, און פערהאַן אין דער יודישער געמיינדע פון מעקסיקא אינסטיטוציעס, הילפס-פעראיינען, וואָס דאָס בעווייזט, אַז עס איז פערהאַן וועמען צו העלפען, און דאָך מעג מען זאָגען, אַז עס זענען ווירקליך נישטאָ קיין אָרימעלייט ביי די מעקסיקאַנער יודען.

לויט ווי איך האָב זיך אָנגעהערט, איז אפילו דער פּראָצענט פון גבירים אַ היבשער.

פערשטעהט זיך, אַז מ'דאַרף דערביי האָבען אין זינען פערהעלטניסמעסיגקייט. איהר הערט, צום ביישפּיעל, אַז דער אָדער יענער פערמאָגט אַ צעהן טויזענד „פּעזאָס", און אַ „פּעזאָ" איז די גרעסטע מטבע אין מעקסיקא, און איהר קלערט, אַז מ'רעדט צו אייך וועגען אַ גביר; אָבער אַ „פּעזאָ" איז נישט מעהר ווי 1.40 זל.

נאָר וואָס דען? דער לעבענס-סטאַנדאַרד פון די מעקסיקאַנישע פאָלקס-מאַסען איז אַזאַ, אַז טויזענד „פּעזאָס" איז אַ גרויסע סומע, און צעהן טויזענד — אַ גאַנץ פערמעגענס.

די איצטיגע אָרדנונג אין מעקסיקא ווערט געלויבט פון פּראָגרעסיוו מענשען פאַר איהרע געזעצען אין די אינטערעסען פון אַרבייטער, די געזעצען בעציהען זיך הויפּטזעכליך אויפ'ן פאַבריק-לעבען. אַרבייטער אין מעקסיקא זענען היינט צו-טאָג זיכערער מיט זייערע פּאָסטענס ווי זיי זענען עס געווען מיט יאָהרען פריהער. מ'קען אַנ'אַרבייטער נישט אָבזאָגען אַזוי לייכט. גאַנץ אַנדערש, אָבער, איז עס מיט פערדינסטען. דאָס ווענדעט זיך שוין אין דעם אַלגעמיינעם עקאָנאָמישען צושטאַנד פון לאַנד. עס זענען פערהאַן מינימום - לוינען, און קוואַליפיצירטע פאַבריק-אַרבייטער, וואָס קענען גוט זייער פאַך, פערדינען ביז אַכט „פּעזאָס" אַ טאָג, אָבער אַזעלכע זענען אַ מינאָריטעט-קלאַס. מעקסיקא'ס אַרבייט איז ביליג, און די איינקונפט פון דער פּויערים-בעפעלקערונג, וואָס איז אייגענטליך דאָס האַרץ פון מעקסיקאַנישען פאָלק, איז קליין וואָס קלענער קען שוין נישט זיין. אין אַזאַ אומגעבונג האָט נישט דער סוחרים-קלאַס קיין צו גרויסע פעלדער פאַר זיך, אָבער געלעגענהייטען אַרומצושוועבען און אפילו אויפצוזאַמלען האָב-און-גוטס האָט ער יאָ. דאָס געהט אויך אויפ'ן קלאַס פון קליינע אינדוסטריעלע אונטערנעמער. און צו אַזעלכע קלאַסען געהער די יודישע בעפעלקערונג.

יונג איז נאָך די יודישע אימיגראַציע אין מעקסיקא, אָבער שוין אַנ'אויסגעגרינטע. און די יונגקייט, און אין דערזעלבער צייט אויסגעגרינטקייט מערקט זיך שטאַרק פון אַ גאַנץ בעזונדערען נחת'דיגען געפיהל ביי אַלעמען, איהר הערט רעדען מעקסיקאַנער יודען מיט אַ געוויסען שטאָלץ:

— איהר ווייסט, מיר וועלען שוין באַלד האָבען די ערשטע שפּראָטען, די ערשטע בליהונגען. אייניקלען וועלען דאָ פערענדיגען די ערשטע יודישע סטודענטען, אונזערע קינדער, זייער שטודירען אַלס אַדוואָקאַטען און דאָקטוירים...

אַמאָל פלעגט מען הערען, אַז פאַר יעדער יודישער פאַמיליע איז מעקסיקא בלויז אַ פיר-הויז צו די פעראייניגטע שטאַטען, אַ גרעניץ איבערצוואַרטען ביז מ'וועט קענען זיך אַריבערכאַפּען. דאָס האָט זיך גענומען, ערשטענס, פון דעם וואָס קרובים אין די פעראייניגטע שטאַטען האָבען געהאָלפען זייערע משפחה-מיטגלידער אין אייראָפּאַ צו קענען וואַנדערען קיין מעקסיקא, און צווייטענס, פון אַ געפיהל ביי די ערשטע אימיגראַנטען, אַז זיי וועלען קיינמאָל נישט קענען זיך איינלעבען אין מעקסיקא. אויסגעלאָזט האָט זיך גאַנץ אַנדערש. מעקסיקא האָט גיך אויפגעהערט צו זיין אַ „לאַנד אויף דערווייל". אימיגראַנטען זענען באַלד געוואָרען בירגער, האָבען גלייך בעקומען אַלץ, וואָס דאָס לאַנד שטעלט פאָר, זיך צוצופּאַסען צו אומשטענדען, אפילו אינ'ם פּערעמדסטען ווינקעל פון דער וועלט, איז דאָך פון די יודישע אייגענשאַפטען. אפשר איז דאָס יודישע טראַגיק, אָדער אויך אַ מיטעל צו לעבען. און איך האָב געהערט אין מעקסיקא:

— די געענדערטע לאַגע מיט אונז וועט איהר בעגרייפען דורך אַ גאַנץ נייער ערשיינונג. ביז מיט עטליכע יאָהר צוריק פלעגען קרובים פון די פעראייניגטע שטאַטען פאָהרען צו-גאַסט צו זייערע קרובים אין מעקסיקא; ס'האָט געהייסען, מ'פאָהרט אָנקוקען דעם אָרימען קרוב, וועלכער איז אַנ'עלענדער ערגיץ אין די „הרי חושך"; איצט איז פּונקט פערקעהרט. יודען אין די פעראייניגטע שטאַטען זענען געטראָפען געוואָרען פון דעם אַלגעמיינעם קריזיס און קענען זיך נישט פערגינען אַזאַ רייזע; אין דער זעלבער צייט זענען די קרובים אין מעקסיקא געוואָרען אויס פערוואָגעלטע, אויף וועמען מ'האָט פריהער געקענט קוקען בלויז מיט רחמנות-אויגען; ממילא זענען זיי אַרויף

וואָס געהערט, וואָס געזעהן.

די וואַהלען.

נאָך אין צוויי וואָכען אַרום וועלען די מאַסען אין פוילען געהען צו דער וואַהל אורנע און אויסקלייבען די שליחי-צבור אין פּוילישען סיים.

דאָס פּוילישע פאָלק וועלען רעפּרעזענטירען אין נייעם פּאַרלאַמענט 208 דעפּוטאַטען, צווישען וועלכע ס'וועלען זיין עטליכע יודען, וואָס דאַרפען פערטרעטען די דריי און האַלבען מיליאָן יודישע בירגער.

געווי וויפיעל יודען ס'וועלען זיך אַריינבעקומען אין סיים — איז נאָך נישט בעוואוסט, ווייל מיר יודען האָבען ליעב אָבצוטהון שפּיצלעך איינער דעם אַנדערן און עס איז דעריבער אַ גרויסע סכנה, אַז צוליעב להכעיס'לעך, וועט די צאָהל יודישע דעפּוטאַטען שטאַרק געמינערט ווערען. וואַרשא יוכיח! די יודען פון אונזער הויפּט-שטאָדט האַלטען ביים אָנווענדען דעם: גם לי גם לך לא יהיה...

דאָס האָב איך נור בעמערקט דרך-אגב, ווייל שליסליך זענען מיר טשענסטאָכאָווער יודען פאַר'ן רעזולטאַט נישט פעראַנטוואָרטליך, ווייל נישט מיר קענען העלפען אַדורכפיהרען דעם אָדער יענעם יודישען דעפּוטאַט. פונדעסטוועגען אָבער מוזען מיר זיך אַ פערטראַכט טהון וועגען די וואַהלען, אויף וויפיעל זיי זענען נוגע אונזער שטאָדט.

מיר זענען איינוואוינער פון טשענסטאָכאָו, וואָס וועט אויסוועהלען 2 דעפּוטאַטען, אמת טאַקי, אַז קיין יוד וועט פון אונזער וואַהל-אָקרענג נישט געוועהלט ווערען, דאָך אָבער אַלס שטאָדטישער בירגער דאַרפען מיר זיין פעראינטערעסירט ווער די דאָזיגע צוויי דעפּוטאַטען זאָלען זיין: הלגו, או לצ"יינו.

ס'פערשטעהט זיך, אַז מיר דאַרפען אויסוועהלען די יעניגע, וועלכע זענען אונז נעהנטער, און צווישען די 8 קאַנדידאַטען, וואָס די עלעקטאָר'ען האָבען אַרויסגעשטעלט זענען די ערשטע צוויי פאַר אונז יודען סימפּאַטישער — איז אַ פאַקט. דאָס האָבען אויך בעשטעטיגט אַלע יודישע מיטגלידער פון וואַהל-קאָלעגיום, וועלכע האָבען געשטימט אויף די ערשטע צוויי אויסגעוועהלטע און ס'איז מעהר ווי זיכער, אַז די יודישע וועהלער וועלען אַט פאַר די 2 קאַנדידאַטען אויך אָבגעבען זייערע שטימען.

קורץ, מיר וועלען געהען צו די וואַהלען. דאָס מוזען מיר טהון אַלס בירגער און וועלען העלפען אַדורכפיהרען די קאַנדידאַטען, וואָס פיגורירען אויף די ערשטע צוויי ערטער.

דערווייל אָבער, ביז מיר וועלען געהען צו די סיים וואַהלען, וועלען מיר נאָך פריהער אָבגעבען אַנ'אַנדערען צעטיל, דאָס מאָל וועלען געהען בלויז יודען, אָבער אויך נישט אַלע יודען, נאָר די, וועלכע זענען מסכים מיט דער שאַפונג פון דער נייער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. אַט די וועלען אַוועקגעהען צו די אורנעס און אַריינוואַרפען אַ צעטיל.

די רעוויזיאָניסטען האָבען יענע וואָך אָבגעהאַלטען אַ גרויסע מאָביליזאַציע-פערזאַמלונג און ווי ס'איז פאָראויסצוזעהן וועלען זיי טאַקע אויך האָבען גרויס ערפאָלג.

ווי איהר זעהט, יודען, זענען מיר פאַר די נעכסטע עטליכע וואָכען אויסגעזאָרגט, מיר וועלען האָבען עפּעס צו טהון, מיר וועלען וועהלען.

וכל העם שומעים את הקולות...

אַט מיט אַזאַ שרייענדער רעקלאַמע האָט מען גערופען דעם עולם אין דער שטאָדט שוהל אַריין הערען דעם חזן, וואָס איז געקומען אויף פּרובע.

דער עולם לאָזט זיך נישט בעטען און קומט צו לויפען. יאָ, לויפען אין פולען זין פון וואָרט. ווייל יודען זאָלען געהען אַזוי ווי אַלע מענשען, איז דאָך נישט שייך, זיי מוזען לויפען בחפזון, שטיפען זיך און שטויסען, אַזוי ווי מען וואָלט געלאָפען פון אַ שריפה.

אין דער שטאָדט שוהל איז פרייטאַג-צו-נאַכט'ס געווען צעדריקט צו-ווערען. די היץ איז געווען אפשר נאָך שטאַרקער, ווי צו כל נדרי; ס'האָט זיך געגאָסען פון די ווענד און פון די פערשוויצטע לייבער.

מבינות אויפ'ן חזן וועל איך נישט זאָגען, נאָר פּשוט — איך בין נישט קיין מבין, דעריבער וועל איך זיך שוין דערמיט פערלאָזען אויף דעם שוהל-קאָמיטעט.

און נישט בלויז אויפ'ן חזן בין איך נישט קיין מבין, נאָר אפילו אויף די קול קורא'ס וואָס דער חזן האָט אַרויסגעלאָזט אין וועלכע צווישען די מעלות פון חזן וועגען וועלכע זענען דאָרט געווען אויסגערעכענט, איז געשטאַנען שוואַרץ אויף ווייס, אַז ער איז אַ ראַבינאַטסקע קאַנדידאַט. פערשטעה איך נישט, וואָ דאָס זאָל בעדייטען?

אגודה'שע פּראָלעטאַריער.

כ'בין געווען אויף אַנ'אַקאַדעמיע פון די „פּועלי אגודת ישראל", בעת זיי האָבען געפייערט די איין-יעהריגע עקזיסטענץ צוליעב דער גרינדונג פון זייער יוגענד-אָרגאַניזאַציע.

לעולם, זענען די פּא"י אַליין אַ יוגענד-אָרגאַניזאַציע, נאָר היות ווי זיי פערמעסטען זיך אויף גרויסע פּאָליטישע מעשים, איז במילא זיי צו דער האַנד צו שאַפען אַ יוגענד אָרגאַניזאַציע, כדי זיי זאָלען דאָס זיין די עלטערע...

די דאָזיגע אַקאַדעמיע איז איינגעאָרדענט געוואָרען מיט דער אמת'ער פּאָמפּע. די אגודה האָט געשיקט איהרע פאָרשטעהער, וועלכע האָבען געהאַלטען בעגריסונגען. אויך די קרובה'שע אָרגאַניזאַציעס, ווי „בית יעקב" א. אַנד. האָבען צוגעשיקט זייערע פערטרעטער, און געהאַלטען האָט מען דאָרט פייערדיגע רעדעס, מיט בעגריסונגען, מיט דרשות, וועלכע האָבען געדויערט עטליכע שעה נאָכאַנאַנד. דערביי האָט מען אויסגערעדט אויף די לינקע פּאַרטייען כל דבר אסור און זיי פערגליכען מיט דער סטרא אחרא. כאָטש צווישען אונז זאָל עס בלייבען, האָט מען נישט געהערט די ממשות'דיגע גליקען, וואָס זיי אַליין גיבען, נאָר גאַרנישט — דאָס געהט אונז נישט אָן, איך וויל נאָר דערצעהלען, אַז פּראָלעטאַריער געפינען זיך נישט בלויז ביים „בונד", „פּועלי-ציון" א. אַנד., נאָר אפילו אויך ביי דער „אגודה"; אויך זיי האָבען פּראָלעטאַריער — אגודה-פּראָלעטאַריער.

וואו וועט זיין דער פיש-מאַרק?

ווי איהר ווייסט האָט מען לעצטענס אויך אַראָבגעיאָגט פון אַלטען-מאַרק. געוויסע יודעלעך אויך מאַרק-שטעהער, האָבען זייער חעצע אויסגעפיהרט — מען האָט ביי העכער הונדערט יודען צוגענומען די פּרנסה, איז דאַנקען גאָט איצט שוין זייער געוויסען רוהיג... מאַכט זיך אָבער אַ מעשה, אַז צוזאַמען מיט די מאַרק-שטעהער האָט מען אויך אַראָבגעיאָגט די פישער.

הייסט עס, אַז מען האָט נישט בלויז אַוועקגענומען ביי יודען די פּרנסה, נאָר מען קאָן חלילה גורם זיין, אַז יודען זאָלען נישט עסען שבת קיין פיש...

ווען די פראַגע פון אַלטען מאַרק איז נאָכאַמאָל בעהאַנדעלט געוואָרען אין מאַגיסטראַט, זענען די פישער געשטאַנען מיט איין ציטערניש, אַז מען זאָל זיי כאָטש דערלויבען צו האַנדלען אויפ'ן אַלטען מאַרק און ווען זיי זענען געוואויר געוואָרען, אַז זייער בקשה איז אָבגעוואָרפען געוואָרען, האָבען זיי אָנגעהויבען ציטערען ווי פיש אין וואַסער.

זיי האָבען בעקומען אַנ'אויפטראַג צו דינגען דעם פּלאַץ ביי די קאַסטענעס. אויף דער נאַדרושעצנע גאַס, ביי דער „וואַרטאַ". דערווייל ווייזט זיך אַרויס, אַז זיי האָבען גרויסע שוועריגקייטען, מען וויל זיי דעם פּלאַץ, וועלכער איז אַ פּריוואַט-אייגענטום, דערווייל נישט פערדינגען.

ווי איהר זעהט, זענען מיר אין אַ גרויסע סכנה, מען קאָן בלייבען חס-וחלילה אָהן פיש און אַלץ דערפאַר, ווייל מען ווייסט נישט וואו עס וועט זיין דער פיש-מאַרק.

אַ משפּחה'לע...

אין פאָריגען נומער איז געווען בעשריבען וועגען אַ יוד אין אַ זיידענער יובילעע, וועלכער האָט אַרויסגעוואָרפען שטיינער פון יודישען שפּיטאָל אויף זיין שונא, ווערען מיר געוואויר פאָלגענדעס:

דער יחיאל מ. איז אַ ברודער פון אַ גרויסער משפחה אָהן עין הרע, זיי אַליין זענען 7 ברידער, דאַן האָבען זיי פעטער'ס, עלטער-פעטער'ס, מיהמעס א. א. וו. א. א. וו. אַט דאָס גאַנצע משפּחה'לע האַנדעלט מיט פערטיגע אַנצוגלעך אויפ'ן מאַרק. מאַכט זיך אַ מעשה, אַז דער יחיאל מ. דינגט זיך אַ פּלאַץ אויפ'ן זאַוואַדזיער מאַרק אין פראַנט, און לייזט אויך אַ פּאָר גילדען. האָט דאָס נישט געקאָנט צוקוקען זיין

אויף אַ העכערער עקאנאמישער פּאָזיציע; זיי האבען זיך פּשוט „צוריפגעארבייט"; און איצט פאהרען זיי, די יודען פון מעקסיקא, צו-גאַסט צו די קרובים אין די פעראייניגטע שטאַטען...

און זיי קומען יום-טוב'דיגע, אויפגערוימטע, נישט אויף צו בעטען עפּיס...

מיט פירגערשאפט אין מעקסיקא זענען מעקסיקאַנער יודען בכלל געווארען אַפּטע רייזענדע צו די פעראייניגטע שטאַטען. עס האט זיך ענטוויקעלט אַ געשעפטס-פערקעהר.

די מעגליכקייט אַריינצוקומען פון צייט-צו-צייט אין די פעראייניגטע שטאַטען איז פאר זיי, די יודישע עמיגראַנטען אין מעקסיקא, געווען אַ גרויסער עקאָנאָמישער געווינס. אין ווייער געשעפטס-אומגאַנג הילכט אַלץ העכער אַן'אמעריקאַנער אָבקלאַנג.

אגב, זענען טאַקע יודען, וועלכע האבען פריהער אַ צאהל יאהרען געלעבט אין די פעראייניגטע שטאטען, אַזוי צו זאגען, די טאָן-געבער אין די יודישע געשעפטס-קרייזען פון מעקסיקא. און אין א סך זאכען זענען זיי צו די עמיגראַנטען פון אַנדערע לענדער ווי עלטערע ברידער.

כאטש יודען אַליין זאגען זאַפט, אז איין יוד רייסט אַרויס דעם ביסען פון מויל ביי א צווייטען יודען, איז אָבער מעהר אמת גראַד דאס אומגעקעהרטע. די זיטליכקייט פון ברודער-הילף האבען יודען אין ערגיץ נישט פערוואָרפען. כ'האב אין מעקסיקא געהערט געשיכטעס איבער געשיכטעס פון גאר א מערקווירדיגער צאַרטער בעציהונג פון די פריהער-געקומענע צו די שפּעטער-איינגעוואנדערטע.

קאָנקורענץ איז געוויס דאַ און קאָנקורענץ ברענגט שנאה, אויך איינפאַלען סתם צו פערדרעהען יענעם דעם קאָפּ, אָבער אונטערצושפּארען יענעם, לויטען טהון עפּיס פאַר אימיצען, איז אויך דאַ. דער קענטיגסטער שטריך פון דער מעקסיקאַניש יודישער געמיינדע איז אַ געגענזייטיגער אינטערעס, מעהר צוזאַמענלעבען, ווינציגער צובּרעקלונג.

פערהאַן פּאַרטייען און בעזונדערע גרופּירונגען, אָבער אין לעבען הערשט דער אַלגעמיינער געפיהל פון אַ קליינער בעפעלקערונג אין אַ מאַסע פון מיליאָנען מיט אַ גאַנץ אַנדער קולטור. און די אַרומיגע קולטור איז נישט קיין הויכע, אז דער עמיגראַנט, דער פרעמדער, זאָל פאַלען פאר איהר כורעים.

אונטער אַזעלכע אומשטענדען זעהט מען זיך ערשט אַלס עמיגראַנט, כאטש אַלץ אין לאַנד ווערט וואס ווייטער אַלץ מעהר און מעהר אייגען. און דאָס האַרץ ביי אַן'עמיגראַנט איז אַ גוטעס צו א צווייטען עמיגראַנט.

דער יודישער בית-עלמין פון מעקסיקא סיטי דעקט אויף דעם דאָזיגען ווינקעל פון יודען'ס נשמה – דעם ווינקעל פון אינמיגראַנטישקייט.

כ'בין אַהינגעקומען צופעליג. כ'בין געפאָהרען אויף א וועג און דערזעהן יודישע בוכשטאַבען אויף א געלבלעהמיגער וואַנד, אַ הויכען פּאַרקאַן אַרום א פעלד. די בוכשטאַבען האבען אָנגעוויזען, אַז הינטער זער וואַנד איז א יודישער בית-עלמין. עס האט זיך געוואָלט אַ קוק טהון. אַ בית-עלמין פון אַ יונגער יודישער קהלה קען אפשר וואָס דערצעהלען. און די מצבות האָבען טאַקע דערצעהלט. צוויי זאכען האבען זיך געוואָרפען אין די אויגען. ערשטענס, כמעט יעדע יודישע פאַמיליע אין מעקסיקא שרייבט אָן אויף אַ מצבה פון איהר פערשטאָרבענעם דאס לאַנד פון וועלכען זי איז געקומען. איהר זעהט אויף מצבות ביאַליסטאָק און פינסק, אָבער הויפּטזעכליך רוסישע שטעדט: ניקאָלאַיעוו, כערסאָן, קיעוו, קאַזאַטין, אדעס. אויף מאנכע מצבות איז דער אַלגעמיינער נאָמען: אוקראַינע. יודען, אפנים, ווילען, אַז אויך נאָך זייער טויט זאָל בלייבען וואו אַן'ערינערונג פון זייערע געבורטס-לענדער, זייערע געבורטס-שטעדט. צייכענס פון א וואַנדער-פאָלק. און נאָך א זאַך, פיעל פון די קברים פון די פערשטאָרבענע עמיגראַנטען פון רוסלאַנד האבען מצבה-אויפשריפטען אויף רוסיש, אויסגעקריצטע רוסישע ווערטער. מאנכע זענען אויף דריי שפּראַכען: רוסיש, יודיש, אַדער העבּרעאיש, און שפּאַניש, די שפּראַך פון מעקסיקא. אַנדערע זענען אויף צוויי שפּראַכען: רוסיש און שפּאַניש. יודען פערגעסען קיין זאַך נישט אויף זייערע וואַנדער-וועגען. ווער עס נעמט מיט זיך די שפּראַך פון די אַלטע היימען און ווען גאר א נאָמען פאר א שוהל. אָט, איז דאָך טאַקע פערהאַן אין מעקסיקא סיטי א „קאָרדאָווער שוהל" – אויפ'ן נאָמען פון דער בעריהמטער שטאָדט קאָרדאָווע אין שפּאַניע, וואָס האט נישט געהאַט קיין יודען עטליכע הונדערט יאהר נאָכאַנאַנד. וואו יודען געהען, וואו יודען קומען, האבען זיי מיט זיך עפּיס פון אַלע גלות וועגען.

(סוף קומט).

פ. בלומענקראַנץ

גאַליציאַנער

(איינדרוקען פון דערפרעמד)

מיר קאָנגרעס - פּוילישע האָבען צו אונזערע שכנות'דיגע יודען אין פּוילען: פון די קרעסען און גאַליציען א היפּכ'דיגע בעציהונג.

מיר קענען די ליטוואַקעס און זייערע חסרונות, אָבער מיר זענען מודה, אַז זיי זענען דאָך פון א בעסערען קוואַליטעט פון אונז, שוין צוליעב זייער אויסדרויערונגס-קראַפט, אונטערנעמוגס-גייסט, געזעלשאַפטליכקייט, גאַסט-פריינדליכקייט און אַנדערע מעלות.

דאַגעגען איז אונזער בעציהונג צום גאַליציאַנער יוד א גאַר אַנדערע און מיר האָבען איהם נישט האָלד. (האמת נתנה להאמר).

טיילמאָל איז מיר אַדורך א געדאַנק: אפשר זענען מיר זיך טועה? מעגליך, אז אונזער בעציהונג האט דעם זעלבען יסוד ווי די בעציהונג פון עם-הארץ צום תלמוד-חכם (ווארום אין אמת'ן בעזיצען זיי דאָך מעהר בילדונג פון אונז און שטעהען אין דער הינזיכט העכער פון אונז)

האָב איך זיך צערעדט מיט גאַליציאַנער גופא און זיי (די אָביעקטיווע פון זיי אַדער... פענסיאָנאַט-אייגענטימער) האָבען נעביך זיך אַראָבגערעדט פון הארץ און דערצעהלט וואס פאַרא צרות זיי שטעהען אויס פון זייערע לאַנדסלייט (בעזונדערס די פענסיאָנאַט-אייגענטימער).

* * *

איינע פון די כאַראַקטעריסטישסטע שטריכען פון די גאַליציאַנער איז זייער הויכשטאַפּלעריי און מאַניע צו טיטולען.

מ'זוכט בגוואַלד א טיטול, מ'טשעפּעט זיך אָן אין א שטרוי, נור נישט אַרויסזאָגען דעם נאָמען אָהן א בעגלייט-וואָרט. די ווייבער רופט מען: „אַפּטעקאַזשאָווא", „ראַדטשיני" און נאָך גאָדנע צונעמענישען, נור בכדי מ'זאָל נישט גלייך אָנרופען דעם „שם-המפורש". און דעריבער זענען די פענסיאָנאַט-אייגענטימער מדקדק אויף דעם „האַרבּצן ענין" און פרעגט דעם צוגעפאָהרענעם בדחילא ודחימא ווי אַזוי מ'דאַרף איהם בעטיטלען.

דערצעהלט טאַקי א פרוי פון אונזער קאַנט, אַז אַזוי ווי זי איז אַריין אין פענסיאָנאַט, האט דער אייגענטימער געפרעגט מיט גאַליציאַנישער העפליכקייט וועגען איהר טיטול. האט זי איהם געענטפערט, אַז טיטולירען דאַרפט מען איהר: „פּאַני דעלקאָווא" (אַלס פערטרעטערין פון „דעל-קאַ"-שיך) אָבער אַזוי ווי דער פענסיאָנאַט-אייגענטימער איז געוואויר געוואָרען, אַז „דעל-קאַ" איז א שיך פירמע און מ'קען נאָך חושד זיין, אַז אין זיין פענסיאָנאַט צוזאַמען מיט דער „אַפּטעקאַזשאָווע" וועט וואוינען א שיסטערין, האט ער זעהר פערצווייפעלט רעזיגנירט פון טיטול און גערופען זי ביים נאָמען.

א צווייטער פאַקט!

געה איך אַזוי אין דער פריה אויפ'ן „דעפּטאַק". לויפט אַדורך א האַלב פערשלאָפענער פריזירער, א יורעל מיט שוואַרצע וואָנטעלעך און גלאַנציגע האָר און מיט ווערווע שרייט ער אויס צו זיין פאַך-קאַלעגע, וואס איז געשטאַנען פאַר'ן טהיר:

— דזשיען דאָברי, פאַניע בריגאַדיערזשע!

דער צווייטער, א פּנים צופרידען פון טיטול קלערט נישט לאַנג און זעלבעריש אויסגעצויגען ענטפערט:

— אושאַנאָוואַניע, פאַניע גענעראַלע!

האט זיך א גאַליציאַנער א פענסיאָנאַט, וואו ס'וואוינען סאַמע „אַפּטיקאַרזשאָוועס". זיי האַלטען פונ'ם גאַליציאַנער: ער איז העפליך און קושט אַלע אין די הענד אַריין. וואס טהוט מען מיט'ן שפּייזער: ער איז נישט קיין וואַזשני אפילו? האָבען זיך די ווייבער אַן'עצה געגעבען און מ'רופט איהם... „פאַניע שעפיע". און די האַרבע קשיא איז פערענטפערט... (איך בין געווען אַן'עד-ראיה פונ'ם פאַקט.

* * *

מילא, לאָז זיין „פאַניע גענעראַלע" אַבי צום לעבען. בעקלאַגען זיך אָבער די גאַליציאַנער שפּייזער (פענסיאָנאַט-אייגענטימער) אויף זייערע לאַנדסלייט כהאי לשנא:

— עך זאג אייך, אַז אונזער'ס א מענש פון טוני (טאַרנאָוו) אַדער סאַני (סאַנאָק) אָדער אַנדערער שטאָדט פּייניגט אויס ביז צום לעצטענס. ער לויפט אַרום אין אַלע פענסיאָנאַטען און דינגט זיך אויף פחות משוה פרוטה. ענקערס א מענש קומט צו פאַהרען זיצט ער אויף איין אָרט. עך האָב פּשוט א פערגעניגען.

און כאַראַקטעריסטיש:

דער זעלבער רעסטאָראַטער, וואס האט זיך בעקלאָגט אויפ'ן גאַליציאַנער קאָרגשאַפט האט זיך נוהג געווען בזה האופן: אַזוי ווי ס'איז אַריינגעקומען אַן'אָרימאַן האט ער אָנגעוויזען אויף א יונגען גאַסט און תמ'וואָטע געזאָגט צום אורח:

— מיין זוהן וועט שוין געבען (אָנווייזענדיג אויף א פרעמדען פּוילישען יונגערמאַן, וואס האט גאָרנישט געהאַט בדעה אַדאָפּטירט צו ווערען דורכ'ן שווערבייכיגען רעסטאָראַטאָר)

דער זעלבער בעל-גוף (אגב האַלט ער זיך פאַר א בן-תורה), האט מיר געזאָגט, אַז דער דאָזיגער „גענעראַלער" איינפאַל האט אין איהם אויפגעבליצט נאָך מיט צעהנדליגער יאהרען צוריק, בעת ער איז געווען אויף א רבינ'ס יאַהרצייט. אַרויסגעהענדיג פון בית-החיים האבען די אָרימעלייט די טאַשען אַראָבגעריסען. „וואס טהוט מען דאָך"— האט איהם א געדאַנק געפּייניגט—„איך וועל דאָך א שעהנע פאַר גראַצער צוטיילען?" איינדעם זעהט ער אונטער זיך אַן'עלטערען יוד, טייטעלט ער אויף איהם און צו די אָרימעלייט:

— דער טאַטע וועט אייך שוין געבען!

און דער רעסטאָראַטער, וואס קען אַלע גאַליציאַנער רביים מיט די שטאַמען, פערענדיגט מיט א שמייכעל:

— דער יוד האט מיך געשאָלטען, געשריגען: לא היו דברים מעולם, און מען האט נישט געקאָסט איין גראַצער.

* * *

וועט איהר אפשר זאגען:

— מילא, צדיקים חביבין עליהן ממונם יותר מגופם. דאַרפט מען בקצור א רעדט טהון וועגען זייער פרומקייט, ווייבערישער צניעות און נאָך עפּיס..

נור וועגען דעם—אפשר שפּעטער.

proszki „KOWALSKINA"
STOSUJE SIĘ PRZY UPORCZYWYCH BÓLACH GŁOWY
AK
FABR. CHEM.-FARM. „AP. KOWALSKI" WARSZAWA

ODCISKI
ZGRUBIAŁĄ SKÓRĘ I BRODAWKI USUWA BEZ BÓLU I BEZPOWROTNIE
KLAVIOL
AP. KOWALSKI

פעטער אפרים מ. און האט צוזאַמען מיט נאָך עטליכע מאַרק-שטעהער זיך אויפגעשטעלט אַ בויד און די דאָזיגע בויד האָבען זיי גראַד אויפגעשטעלט אויף דעם פּלאַץ פון יחיאל מ., וואס בעדראָהט איהם די פּרנסה.

די בויד איז אויפגעשטעלט געוואָרען אין פרייטאַג-צו-נאַכטס און צומאָרגענס שבת. ווען ה' יחיאל מ. איז געווען צופעליג אין שפּיטאַל-גאַרטען, זעהט ער, ווי זיין פעטער אפרים געהט זיך שפּאַצירען אַראָב צום מאַרק. דאָס איז ער געגאַנגען קוקען ווי אַזוי מען בויט אויף די בויד. דער „בראַטאַנעק" זיינער, אַרויסקוקענדיג פון שפּיטאַל-פּלויט און זעהענדיג ווי אַזוי זיין פעטער אפרים שפּאַצירט זיך בנעימות'דיג צוזאַמען מיט זיין ברודער אבוהם יאַנאָווער אום שבת, כדי צו זעהן ווי מען אַרבייט, האט עס איהם טערדראַסען און ער האט איהם אָנגעהויבען צו מאַכען פּאַרוואָרפען. אַזוי אָבער ווי יענער איז געשטאַנען פון יענער זייט פּלאַט, האט ער זיך אָנגעהויבען מיט איהם רייצען. א וואָרט פאַר אַ וואָרט, מען האט געגענזייטיג אָנגעהויבען זיך צו וואַרפען מיט שטיינער.

כ'וואָלט אייך נאָך געקאָנט וועגען דער דאָזיגער פערשאַלטענער מאַרק-פראַגע א סך דערצעהלען, ווי אַזוי מען האט דאס ביסעל יודען חרוב געמאַכט, נאָר דאס געהער נישט צום איצטיגען ענין. דאָ האָב איך אייך נאָר געוואָלט איבערגעבען וועגען דעם סכסוך, וואס קומט פאַר צווישען זייער פאַמיליע מ—טש, וועלכע איז אָהן עין הרע א גרעסטען משפחה'לע...

אַ יוד אַ למדן, גיט זיך אַן'עצה...

ס'איז אַ ביטער לעבען מיט די פערשאַלטענע לאָקאַטאָרען, זיי האָבען זיך געמאַכט אַ מאָדע און... האָבען נישט צו צאָהלען קיין דירה-געלד.

וואס זאָלען אָבער טהו'ן די „אָרימע" בעלי-בתים נעביך, זיי מוזען דאָך אויך לעבען, איבערהויפּט האָבען זיי זיך דאָך אויסגערעכענט, אַז פלוני בן פלוני וועט זיי געבען כך וכך פאַר'ן דירה-געלד און דאַ פּלוצלינג נעמט דער „באַנדיט", דער לאָקאַטאָר, און צאָהלט נישט, בלייבט דאָך א לאָך אין הויז-בעזיצערס בודזשעט. טאַ וואָסושע טהוט מען, ווענדט זיך ווער, כ'מיין, וואס פאַר א סאָרט מענש דער בעל-הבית איז. אַ געוועהנליכער בשר ודם שניידט אָב, ער זעהט, אַז דער לאָקאַטאָר איז אַן'אָרימאַן, שענקט ער איהם דאָס דירה געלד, גיט איהם נאָך צו אַ פּאָר גילדען, כדי ער זאָל זיך דינגען אַ צווייטע דירה, און זאָל אַן'אַנדערער ווירט אויך האָבען דאָס זעלבע פערגעניגען... טרעפט אָבער אַ ווירט אַ חכם, וועלכער האַלט זיך נאָך פאַר אַ מנהיג, פאַר א דעה-זאָגער אין שטאָדטישע ענינים, נעמט ער גאר פּשוט, קלאָגט איין אויף אַן'עקסמיסיע און וואַרפט אַרויס, מעג עס זיין אפילו אַן'אַלמנה און יתומים...

פערהאַנען אָבער נאָך קלוגערע בעלי בתים, וואָס נישט בלויז זיי וואַרפען אַרויס, נאָר פערזיכערען זיך אויך, אז עס זאָל זיי נישט פערפאַלען ווערען קיין איין גראָשען פון זייער „אָנגעהאָרעוועט" פערמעגען. אָט אַזאַ ווירט קאָן אָנגערופען ווערען: „א יוד א למדן – גיט זיך אַן'עצה"...

אַזאַ הויז-ווירט געפונט זיך אין אַלטען מאַרק; ער אַליין איז אַ יוד א למדן, זיין ווייב טראָגט אַ טיף שייטעל און חבר'ט זיך מיט רביצינ'ס, די זוהן טראָגען לאַנגע פּיאות און די גאַנצע פאַמיליע געהט אָן פאַר א העכסט חסידישע. וואוינט ביי זיי אַ לאָקאַטאָר, וועלכער טראָגט דעם, וואס ער האט געאַרבייט, געהאַנדעלט (מיט היטלען דאַכט זיך), האט ער פונדעסטוועגען קיין גרויסע גליקען נישט געמאַכט. שפּעטער האט ער אָנגעהויבען צו האַנדלען אויפ'ן מאַרק מיט שירצען, און היות ווי לעצטענס האט מען די הענדלער אַראָבגעטריבען פון נייעם מאַרק קיין זאַוואַדזיע, האט ער נישט פערדינט און נישט געקאַנט בעצאָהלען פאַר'ן לעצטען האַלבען יאהר קיין דירה-געלד. וואס טהוט דער פרומער חסידישער בעל-הבית, קלאַגט ער איהם ווי געוועגליך איין. מורא האָבענדיג אָבער, אַז ביז דער סאָנד וועט זיין, וועט דער חוב זיך נאָך פערגרעסערען, האט ער, דער יוד, דער למדן, זיך געגעבען אַן'עצה און אַדורכגעפיהרט דורכ'ן קאָמאָרניק (ס'זענען שוין פערהאַנען דערויף אַדוואָקאַטען, וועלכע לערנען אויס וואס מען דאַרף טהון...) אַן'אַרעסט אויפ'ן אָנגעבאַרגטען ביסעל סחורה און רוף מיך קנאַק-ניסעל. צאַפּעלט דאָך דער לאָקאַטאָר פאַר וועהטאָג און צער: געוואַלד, גזלן, איהר האט דאָך מיך אומגליקליך געמאַכט; אויב דאָס ביסעל סחורה איז אַרעסטירט, קאָן איך דאָך נישט פערדינען אויפ'ן טעגליכען שטיקעל ברויט פאַר'ן בני-בית. אַזוי שרייט געוועהנליך דער לאָקאַטאָר, דער הויז-ווירט אָבער הערט דאָס נישט (שוין א לענגערע צייט, ווי עס איז ביי איהם פערלייגט אַן'אויער, כדי נישט צו דערהערען דעם אָרימאַנ'ס געשריי...) ער האט אַ הנאה פון זיין זיין וואוילען אויפטהו און בעריהמט זיך מיט זיין פיין שטיקעל אַרבייט.

האַ, ווי מיינט איהר יודען, נישט בחנם זאגט מען, אַז אַ יוד א למדן גיט זיך אַן'עצה.

דאָס ערשטע חסידים-שטיבעל ווערט חרוב.

אויף גאַרנצאַרסקא 28 איז פערהאַנען אַן'אַלט חסידים-שטיבעל, וועלכעס איז געגרינדעט געוואָרען מיט איבער הונדערט יאהר צוריק און ווי אַלטע לייט זאגען, איז דאָס איבערהויפּט געווען דאס ערשטע חסידים-שטיבעל אין טשענסטאָכאָוו, וואס איז געשאַפען געוואָרען דורך ר' יוסף דוד פרידמאַן (ר' יאַסקעלע זאַלאַשיצער) און יוחל לערנער, און די דאָזיגע מתפללים האט מען טאַקע גערופען חסידים ראשונים.

פון דאַמאָלס אָן ביז היינט האט זיך דאס בילד געענדערט. פון די חסידים ראשונים איז שוין גישטאָ קיין שפּור. און ווי מען שמועסט, זענען קיין חסידים אחרונים דאָרט אויך שוין נישט פערהאַנען.

פון טאָג-צו-טאָג ווערט אַלץ ווייניגער חסידים, אַזוי אז עס איז קוים דאָ א מנין און עס איז א סכנה, אז אין קורצען וועט שוין קיין מנין אויך נישט זיין, און דאָס אַלץ צוליעב די גבאים, וועלכע פיהרען דאָס רעדעל אַזוי, אַז די מתפללים צולויפען זיך.

אַזוי-אַרום ווערט חרוב דאָס ערשטע חסידים-שטיבעל אין טשענסטאָכאָוו.

א מחלוקה צוליב א מפטיר...

אויב מיר האָבען ווייניג אונזערע היימישע מחלוקות, האט אונז גאָט צוגעשיקט א בלאַכאָווניע, וואו ס'פעהלט נישט קיין געלעגענהייט זיך אַביסעל אויסצוזידלען אויפ'ן היימישען אופן.

דעם פערגאַנגענעם שבת זענען אין מנין פון ה' יאַקובאָוויטש אין בלאַכאָווניע געקומען דאַווענען צווישען אַנדערע אויך די ה"ה: ל—ק און דוד ר. ביידע האָבען געהאַט יאהר-צייט, דעריבער איז דער גבאי יאַקובאָוויטש געשטאַנען פאַר א שווערען פּראָבלעם, וועמען פון אָט די צוויי גיט מען מפטיר, נאָך א בעראַטונג מיט עטליכע חשוב'ע בעלי-בתים איז בעשלאָסען געוואָרען, אז היות ווי ר' דוד ר. איז אויסער דעם וואס ער האט יאהר-צייט אויך ערשט געקומען פון קריניצע, קומט איהם מפטיר. ויהי כשמוע, ווי ה' ל. האט זיך וועגען דעם דערוואוסט, איז ער צוגעגאַנגען צום גבאי און געפאָדערט אולטימאַטיוו דעם מפטיר פאַר זיך, מאָטיווירענדיג דאס דערמיט, וואס ער האט א באָרד אינדערצייט, ווען ה' ר. איז א גלוח. דעריביי האט ה ל. מכבד געווען דעם גבאי מיט א פּאַר פיינע קאָמפּלימענטען, ווי שייגאָץ, לאָבוז אדג"ל.

דער עולם מתפללים, צווישען וועלכע ס'געפינען זיך אויך א היבש ביסעל גלוחים, האָבען זיך געפינען פון די דאָזיגע ווערטער בעליידיגט און האָבען דווקא געפאָדערט דעם מפטיר פאַר'ן ה' ר. דער לעצטער האט אפילו שוין געוואָלט דערפון רעזיגנירען, נאָר דער עולם מיט'ן גבאי בראש זענען געווען אונבעדינגט דערפאַר אז ה' ר. זאָל דווקא יאָ בעקומען מפטיר. האט מען זיך אַרומגעקריגט א לענגערע צייט, זיך געזידעלט אַזוי ווייט, אז עס האט שוין געהאַלטען ביי פּעטש. א דאַנק אָבער דער אויסגעהאַלטענקייט פון דעם גבאי מיט די גלוח'ישע מתפללים, איז נישט געקומען צו קיין... בלוט-פערגיסונג.

דער סוף איז געווען, אז ה' ל. האט בעקומען „ששי" און דעם מפטיר האט טאַקע געהאַט דער ה' דוד ר., וועלכער האט אגב מנדר געווען א שעהנע סומע בעד החברה.

די מחלוקה איבער'ן מפטיר איז אָבער נאָך נישט איינגעשטילט און ס'איז צו האָפען, אז מיר וועלען נאָך פון בלאַכאָווניע נחת האָבען...

לויתן.

דער אָנהויב פון דער וואַהל-אַקציע צום סיים ביי דער יודישער בעפעלקערונג.

דינסטאג אין אָוועגד איז אין קהלה-לאָקאַל פאָרגעקומען א בשותפות'דיגע קאָנפערענץ פון פארשטעהער פון פּאָליטישע און ווירטשאַפטליכע אָרגאַניזאַציעס און געזעלשאַפטליכע טהוער, צוזאמען ארום 100 פערזאָן, צו וועלכער עס זענען אויך געקומען דער קאַנדידאַט אויף דעפּוטאַט צום סיים דיר. קאָבילעצקי, אין בעגלייטונג פון שטאדט-פּרעזידענט מאצקעוויטש און וויקטאָר שוויטאַלסקי.

די קאָנפערענץ עפענט דער פארזיצער פון יודישען וואַהל-קאמיטעט צום סיים אַדוו. קאָנאַרסקי, וועלכער בעגריסט די געסט און ערקלערט, אַז דער ציעל פון קאָמיטעט איז אַלעמען בעקאַנט, דער צוועק איז א קלאָרער — צו וועקען די יודישע בעפעלקערונג, אַז אַלע זאָלען אויסנוצען זייער וואַהל-רעכט צום סיים.

די ערשטע פאַזע — דאס אַדורכפיהרען די קאַנדידאַטען דורכ'ן קאָלעגיום איז אַדורך. מיר האבען זיך אינפאָרמירט ביי די יודען, וועלכע האבען אויסגעדריקט זייער סימפּאַטיע פאר'ן מיניסטער פּאַטשאַרקאָווסקי און דיר. קאָבילעצקי און עס איז טאקע געשעהען אַזוי, אַז די דאָזיגע ביידע קאַנדידאַטען פערנעמען די ערשטע ערטער אויף דער קאַנדידאַטען-ליסטע.

דערמיט — זאָגט ווייטער דער פּאַרזיצער — האט זיך אבער אונזער ראָלע נישט געענדיגט, מיר האַלטען איצט ביי דער צווייטער פאַזע, ביים אויסוועהלען די סיים-דעפּוטאטען גופא און מיר מוזען צאָהלען דעם וועקסעל, וועלכען מיר האבען אויסגעשטעלט. היינט מוזען מיר זיך אַדורכרעדען, ווי אזוי אדורכצופיהרען די וואַהל-אַקציע, אַז אַלע אָהן אויסנאַהם יודען פון טשענסטאָכאָווער קרייז זאָלען געהן צו די וואַהל-אורנעס און אַדורכפיהרען אונזערע קאַנדידאַטען.

אויב עס זענען פערהאַנען מאַנכע, וועלכע זענען דערפאַר, אַז מיר זאָלען זיך אָבהאַלטען פון געהן צו די וואַהלען, מוז איך ערקלערען, אַז דאס איז אונגעוואונשען, ווייל אלס בירגער פון לאַנד מוזען מיר אויסנוצען אונזער רעכט און ווער עס טהוט דאס נישט, פערדינט זיך נישט נאר אויף א פאַרוואורף נאר אויך אויף א שטראָף. מיר סאָלידאַריזירען זיך נישט מיט די דאָזיגע קליינקעפּעלדיגע לייט און וועלען אַלע זיך בעטייליגען אין די וואַהלען. קיין יוד האט סיי ווי קיינמאל נישט געקאַנט אדורכגעהן אין אונזער קרייז און דעריבער זאָלען די יודישע ענינים וועניגסטענס אַנפערטרויט ווערען אַזא איינעם, וועלכער וועט זיי קאָנען בעהאַנדלען אָביעקטיוו און יושר'דיג.

דאס וואָרט בעקומט דאן דיר. קאָבילעצקי, וועלכער האַלט פאָלגענדע פּראַכטפולע און אין א שעהנער פאָרם געבויטע רעדע, וואס האט געמאַכט אויף אַלע אנוועזענדע א שטאַרקען איינדרוק:

„געעהרטע פערזאַמעלטע!

ווען דאס אַלטע רוים, דאס שטאַרקע רוים, פון צעזאַר'ן, וואס איז געווען געבויט אויף אונטערדריקונג און פערשקלאַפונג פון די ברייטע מאַסען, האט אָנגעהויבען זיך צו וואַקלען, ווען זיינע פונדאַמענטען האבען זיך גענומען טרייסלען, האט מען צוגעאיילט דאס אויספּערטיגען דעם בנין פון פּראַכטפולען און ריזיגען קאָלאָסעאום, כדי צו קענען געבען דער בעפעלקערונג „פּאַנעם עט צירצענזעס" — ברויט און פערוויילונג און אַזוי-אַרום אָבווענדען איהר אויפמערקזאמקייט פון דער נאָהענטער און אונפערמיידליכער קאַטאַסטראָפע, וואס האט בעדראָהט דעם ריעז — רוים.

ווען אין ריזיגען צאַרישען רוסלאַנד האט די קאַמאַרילע געוואָלט פון זיך אָבווענדען די אויפמערקזאַמקייט פון דער 150-מיליאָניגער רוסישער בעפעלקערונג, וועלכע האט געשמאַכט אונטער דעם שווערען יאָך פון די צאַרסקע סטופּאַקעס, האט מען כדי אויסצומיידען דעם פאָלקס-צאָרן, גענומען אלס ציעלברעט די יודען-פּראַגע און אינסצעניזירט דעם ביילים-פּראָצעס.

ווען אין דייטשלאַנד האבען נאָך דער לעצטער מלחמה זיך געלאָזט פיהלען שטאַרקע רעאַקציאָנערע שטרעמונגען, וואס האבען געציעלט צו ערובערן די מאַכט און צו בעהערשען די מאַסען, האט מען צוליב דער מורא'דיגער פערשפּרייטונג פון קאָמוניזם אויסגעפונען דאס „ראַדיקאַלע מיטעל" פון נאַציאָנאַל-סאָציאַליזם, דעם היטלעריזם, אין וועמענס הויפּט-פּראָגראַם ס'געפינט זיך דער קאַמף מיט'ן ראַסיזם.

ווען אין אונאָבהענגיגען פּוילען האט די ענדעציע פערלוירען דעם גרונט אונטער די פיס, ווען זי האט נישט געקענט מעהר בעגרינדען איהר פּראָגראַם און דעריבער נישט געהאַט קיין מעגליכקייט צו קומען צו די ברייטע מאַסען מיט עפּיס פּאָזיטיווס, האט מען אויף אַנ'אונגעוועהנליך העסליכען אופן ווידער אַרויסגערוקט די יודען-פּראַגע, העצענדיג איין טייל בעפעלקערונג געגען דער צווייטער. אויפ'ן דאָזיגען יודישען פערדיל רייט די ענדעציע ביז'ן היינטיגען טאָג.

מיט איין וואָרט — די יודען-פּראַגע דיענט שטענדיג און אומעטום אלס רעטונגס-ברעט פאר די רעאַקציאָנערע ריכטונגען, וועלכע האבען פערלוירען די מאַכט און וואס זענען פער'משפט אויף אונטערגאַנג.

די יודען וואָלטען געקענט זיי אַלעמען זיין דאַנקבאַר פאר דער אומגעבעטענער רעקלאַמע, וועלכע דערהויבט די יודען-פּראַגע צו די וויכטיגסטע וועלט-פּראָבלעמען, ווען נישט דאס, וואס צוזאַמען מיט ז'ער דאָזיגער פּראָפּאַגאַנדע, זענען ענג פערבינדען פיזישע, מאַטעריעלע און מאָראַלישע ליידען פון יודישען פאָלק.

איך רעד וועגען דעם מיט דער גאַנצער אויפריכטיגקייט און קען יעדען דעריבער קוקען גלייך אין פּנים אַריין, ווייל איך האב דעם כבוד צו געהערען צו דעם לאַגער אין פּוילען, וועלכער האט קיינמאל און קיינעם נישט פערפאָלגט, נאר פערקעהרט, איז אליין געווען פערפאָלגט, צום לאַגער, וועלכער האט קיינעם נישט אונטערדריקט, נאר איז אליין געווען אונטערדריקט, וועלכער האט אויף זיין פאָהן אויפגעשריבען די לאָזונגען פון פערטיידיגען די שוואַכערע און וועלכער האט בעקעמפט יעדע פערפאָלגונג און פערשקלאַפונג — צום לאַגער פון מאַרשאַל פּילסודסקי.

מעהר וועל איך וועגען זיך גופא נישט רעדען. איך בין נישט ביז יעצט געווען קיין גרויסער פּאָליטישער עסקן און בין אויך נישט קיין שום העלד; איך בין א דורכשניטליכער מענש, וועלכער, אויב איך ארבייט געזעלשאַפטליך, איז עס נאר דערפאר, ווייל איך פיהל א נויטווענדיגקייט דערצו און דערפאַר, ווייל איך בין צו דעם געוואוינט. און אויב מיין געזעלשאַפטליכע ארבייט ברענגט וועמען ס'איז נוצען, איז עס פאר מיר א גרויסע בעפרידיגונג און סאַטיספאַקציע.

אויב איך קאַנדידיר יעצט צום סיים, איז עס טיילווייז אייער שולד, די שולד פון עטליכע הערען, וועלכע האבען מיר צוגעגעבען מוט און דערנאָך אויך האבען פיעל אנדערע מיר אויסגעדריקט זייער סימפּאַטיע, וואס איך שעץ מיך זעהר הויך.

עס איז פאר מיר אויך פון אונגעהויערער וויכטיגקייט, וואס מיין קאַנדידאַטור האט בעקומען די הסכמה און ווערט אונטערגעשטיצט דורכ'ן רודער פון דער מלוכה-שיף, דעם פּרעמיער סלאַוועק, וואס איז מיר מיטגעטיילט געוואָרען דורכ'ן מויל פון מיניסטער פּאַטשאַרקאָווסקי.

איך הויב אָן די פּאַרואַל-ארבייט פון אייך, ביז היינט האב איך נאָך צו קיינעם זיך נישט געוואַנדען. איך רעד צו אייך מיט דער גאַנצער אָפענהערציגקייט, ווייל דאס פּוילען, צו וועלכען איך געהער האט נישט קיין שום שייכות מיט די העסליכע לאָזונגען פון די באַנקראָטירטע פּאָליטישע ריכטונגען, דאס דאָזיגע פּוילען דאַרף נישט אָבצווענדען פון זיך די אויפמערקזאַמקייט פון די מאַסען און זיי געבען „פערוויילונגען און לוסט-שפּיעלען", אַרויסציהענדיג אויפ'ן טאָג-אָרדנונג די יודען-פּראַגע. אונזער פּראָגראַם איז א גאַנץ פּשוט'ער, מיר געהען כסדר פּאָראויס. אונזער ארבייט איז אויסגערעכנט אויף עטליכע דורות און דעריבער טאָרען מיר זיך נישט אָבהאַלטען, ווייל ווער ס'פּערשפּעטיגט זיך, דער וועט אונז אין אונזער צוג קיינמאל נישט דעריאָגען. אונזער פּאָליטיק אנערקענט נישט — נישט קיין אָבשטאַמונג, נישט קיין נאַציאָנאַליטעט און נאר די לאָיאַלע בעציהונג צו דער מלוכה.

ריכטיג האט בעמערקט אַדוו. קאָנאַרסקי, אַז דער אָבוועזענדער, דער פערשפּעטיגטער פערלירט שטענדיג, דעריבער דאַרף די גלייכבערעכטיגטע יודישע בעפעלקערונג אויסנוצען יעצט איהר רעכט און מאַסענהאַפט אנטייל נעהמען אין די וואַהלען.

איהר, געעהרטע הערען — האט ריכטיג בעמערקט מיין פאָררעדנער — וועט סיי-ווי נישט קענען אַדורכפיהרען קיין אייגענעם יודישען דעפּוטאַט, דעריבער דאַרפט איהר נעהמען אַנ'אַקטיווען אַנטייל אין די וואַהלען, ווייל אין געגענפאַל וועלען יעדענפאַלס אויסגעוועהלט ווערען דעפּוטאַטען. ס'וואָלט אבער בעסער געווען, אַז ס'זאָלען אויסגעוועהלט ווערען אַזעלכע, וועלכע ענטשפּרעכען אייך און דאס מיט אייער בעטייליגונג, ווייל אַזא דעפּוטאַט מוז שטענדיג געדענקען וועגען דעם, אַז ער איז אדורך ביי דער מיטהילף פון די יודישע שטימען און וועט פונקט אַזוי מוזען פערטיידיגען אַלגעמיינע, ווי ספּעציעל יודישע ענינים.

עס וועט בעסער זיין, ווען איהר, מיינע הערען, וועט נישט בלייבען שטעהן אין קאָרידאָר, נאר צוזאַמען מיט אונז פאָהרען אין וואַגאָן-קופּע צום געמיינזאַמען ציעל.

אַזאַ לאָיאַלע און געמיינזאַמע מיטאַרבייט לעג איך אייך פאָר".

נאָך דער דאָזיגער זעהר געלונגענער רעדע האט גענומען א וואָרט ה' אַדאָלף עפּשטיין, וועלכער האט ערקלערט אין נאָמען פון קליינהענדלער-פעראיין, אַז אַלע זייערע מיטגלידער וועלען מיטהעלפען אַדורכצופיהרען די צוויי, וואס פיגורירען אויף די ערשטע פּלעצער פון דער קאַנדידאַטען ליסטע, אלס דעפּוטאַטען צום סיים.

דער פּאַרזיצער אַדוו. קאָנאַרסקי דאַנקט דעם דיר. קאָבילעצקי פאר זיין געגעבענער פּראָגראַם-רעדע און דערמיט ווערט די פערזאַמלונג געשלאָסען.

גלייך נאָך דער דאָזיגער קאָנפערענץ האט דער יודישער וואַהל-קאַמיטעט, אונטער'ן פאָרזיץ פון אַדוו. קאָנאַרסקי אָבגעהאַלטען א זיצונג, אויף וועלכער ס'איז בעשלאָסען געוואָרען אדורכצופיהרען די פּראָפּאַגאַנדע אויף פאָלגענדען אופן:

א) יעדע אָרגאַניזאַציע אדער פעראיין אָרדענט איין פערזאַמלונגען פון די אייגענע מיטגלידער, אויף וועלכע ספּעציעלע רעדנער וועלען אויפקלערען וועגען דער נויטיגקייט פון אנטייל- אין די וואַהלען.

ב) דער קאַמיטעט גיט אַרויס ספּעציעלע אויפרופען צו דער יודישער בעפעלקערונג פון גאַנצען וואַהל-קרייז. די דאָזיגע אויפרופען וועלען אונטערגעשריבען ווערען דורך אַלע יודישע פּאָליטישע און ווירטשאַפטליכע אָרגאַניזאַציעס און פעראיינען.

ג) אין אַלע שוהלען, שטיבלעך און מנינים וועט אין די נעכסטע שבתים גערעדט ווערען וועגען די סיים-וואַהלען.

ד) ס'וועט צונויפגערופען נאָך טשענסטאָכאָוו אויף זונטאג א קאָנפערענץ פון יודישע פאָרשטעהער פון אַלע שטעדטלעך פון גאַנצען פּאָוויאַט, וואו ס'וועלען דערנאָך אויך געשאַפען ווערען אָרטיגע וואַהל-קאַמיטעטען.

דאס אויספיהרען די דאָזיגע בעשלוסען איז איבערגעגעבען געוואָרען א ספּעציעלער קאָמיסיע צוזאַמען מיט'ן פּרעזידיום פון וואַהל-קאַמיטעט.

Czysta cera bez plam i piegów to:
Krem
„ORLANDO"

גרויסער וואַהל-מיטינג פאַר דער נ. צ. אָ.

שבת, דעם 24-טען 11 א זייגער פאַרמיטאָג קומט פאר אין קינאָ זאַל „אַטלאַנטיק" א גרויסער מאַסען-מיטינג געווידמעט די וואַהלען צו דער נייער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע מיט דער בעטייליגונג פון ד"ר ש. יוניטשמאַן, מיטגליד פון צענטראַל-קאַמיטעט פון ברית הצה"ר אין פּוילען. איינגאַנג פריי.

ווייט ווילקאָמען!

(צו די אויפטריטען פון „אַראַראַט" אין אונזער שטאָדט).

אין אונזער חושכ'דיגען לעבען, אין א צייט, ווען דער פּאַרטיי-קאַמף און אנטאגאָניזם זענען א טאָג-טעגליכע ערשיינונג, וואס פרעסט אויף און צופוילט אונזער געזעלשאַפטליך לעבען וועט זיין א דערפרעהענדע בשורה, וואס מיר זאָגען אייך אָן, אַז דער „אַראַראַט" קומט צו אונז אַראָב אויף צוויי גאַסט-ראָלען.

„אַראַראַט", ס'איז גענוג בלויז צו דערמאָנען דאס וואָרט און מיר זעהען שוין פאר אונזערע אויגען די דאָזיגע פרעהליכע כאַלאַסטריע: שמעון דזשיגאַן, דעם הערליכען אונפערגלייכליכען מאָנאָלאָגיסט און קינסטלער, ישראל שומאַכער, דער וואס ברענגט אַרויס די האַרציגע יודישע נגינה, דעם שלימזל'דיגען גאָלדשטיין, די טאַנצענדיגע און זינגענדיגע שיינע מרים, דאַן די איבריגע חבריה-לייט, ווי: פּולאַווער, בירנבוים, בערגמאַן, פּעטערמאַן א.א., וואס צוזאַמען איז דאס א צוזאַמענגעשפּילטער סימפאָנישער אָרקעסטער.

„אַראַראַט", דאס יודישע רעווי- און קליינקונסט-טעאַטער אונטער דער קינסטלערישער אָנפיהרונג פון משה בראָדערזאָן, איז דאס איינציגע, וואס שטייגט אַרויף אויפ'ן העכסטען שטאַפּעל פון קונסט, זינגענדיג און טאַנצענדיג טהוען זיי זייער עבודה, וואס איז נישט אָבצושאַצען.

ס'איז נישט פערהאַן קיין איין שטאָדט אין פּוילען, וואו זייערע אויפטריטען זאָלען נישט בעטראַכט ווערען פאר א גרויסען יום טוב, וואס מאַכט פערגעסען אין גרויען טאָג טעגליכען לעבען און עס הויבט אַרויף דעם מענש אויף א העכערע מדרגה.

זייערע אויפטריטען אין ווארשא און לעצטענס אויך אין אויסלאַנד, ווי בעלגיע, פראַנקרייך און ענגלאַנד זענען געקרוינט געוואָרען מיט'ן גרעסטען ערפאָלג.

דינסטאג, דעם 27 און מיטוואָך, דעם 28-טען ד.ח. גאַסטראָלירען זיי ביי אונז אין קינאָ טעאַטער „לונא". זאָל דאס טשענסטאָכאָווער טעאַטער-פּובליקום זיי אויפנעמען ווי זיי פערדינען עס.

מיר, פון אונזער זייט זאָגען דער פרעהליכער כאַליאַסטריע אונזער האַרציגען ווילקאָמען.

פ—נק.

א הזכרה נאָך א פערשטאַרבענעם האַנדווערקער-טהוער.

צו דער ערשטער יאָהרצייט פון האַנדווערקער-טהוער אברהם זקן פרידמאַן, איז פערגאַנגענעם זונטאג פאָרגעקומען אין דער אַנוועזענהייט פון די האַנדווערקער פאָרשטעהער א הזכרה אויפ'ן בית עולם.

די הזכרה האט אָבגעריכט דער בעוואוסטער זינגער ה' שמידט.

אגודת החרדים אין טשענסטאָכאָוו.

מיטוואָך האט געוויילט אין טשענסטאָכאָוו אין שליחות פון צ. ק. פון אגודת החרדים דער ח' י. איוויאַנסקי, וועלכער האט אָבגעהאַלטען איינינגע קאָנפערענצען מיט די פיהרענדע רעליגיעזע יודען ביי אונז אין שטאָדט. עס איז געלונגען צו שאַפען אַנ'איניציאַטיוו-גרופּע פון רעליגיעזע יודען פאר דער נייער צ. אָ. די גרופּע איז שוין צוגעטרעטען אַקטיוו צו די וואַהלען פון דער נ. צ. אָ.

שבת אָוועגד וואַהלען פון רעוויזיאָניסטען.

שבת, דעם 24-טען ד. ח. 8 אָוועגד קומען פאר די וואַהלען צו דער נ. צ. אָ. פון אַלע פּאַרטיי מיטגלידער פון די רעוויזיאָניסטישע גרופּירונגען ביי אונז אין שטאָדט. די וואַהלען קומען פאר אין לאָקאַל פון ברית הצה"ר.

חוץ די וואַהלען אין שטאָדט וועט אויך זיין א וואַהל-ביוראָ אין ראַקאָוו מיט א בעזונדערען וואַהל-לאָקאַל. מיט די וואַהלען אין ראַקאָוו פיהרען אָן די חברים: ש. יאַרזאָמבעק און ל. קורלאַנד.

אין בלאַכאָווניע וועלען די וואַהלען פאָרקומען אין פּענסיאָנאַט פון ה' יאַקובאָוויטש. מיט די וואַהלען פיהרען אָן די חברים: פּראָפ. וויינבערג, ל. קאַפּינסקי און א. לענטשנער.

אנגאַזשירט א חזן אויף די ימים-נוראים אין דער שטאָדט-שוהל.

נאָך א רייהע פּרובען, וואס פערשידענע חזנים האבען געמאַכט אין שטאָדט-שוהל איז ענדליך דער גורל געפאַלען אויפ'ן חזן משה'לע ענגעלשטיין פון פּשעמישל, וועלכער איז אַנגאַזשירט געוואָרען צו דאַווענען די ימים נוראים אין דער שטאָדט-שוהל.

ה' ענגעלשטיין בעזיצט א הערליכען לירישען טענאָר מיט א שעהנע אויבערלאַגע, וואס דערגרייכט ביז אַנ'אויבער-צע. אויך זיין דאַווענען איז מיט מתיקות און התלהבות. אַזוי, או די גרויסע צאָהל מתפּללים זענען ממש ענטציקט געוואָרען פון זיין שעהן דאַווענען.

גלייכצייטיג ווערט שוין אויך אָרגאַנזירט דער כאָר אונטער דער לייטונג פון ה' ראַטענבערג, אַזוי, אַז אויף די ימים-נוראים וועט אין דער שטאָדט-שוהל דאַווענען א הערליכער חזן מיט א פיין-איינגעשטודירטען כאָר און די שטאָדט-שוהל-מתפּללים וועלען האבען דעם אמת'ן גייסטיגען תענוג.

קינדער פאַר קינדער.

צו אונז אין רעדאַקציע איז געקומען א דעלעגאַציע פון פאָלגענדע 4 קינדער: יאַנעטשקא גלאַטער, יאַדזיאַ ווייגריב, מאַניעק ראָזען און אביב ראַזינער, וועלכע האבען אונז איבערגעגעבען 15 זלאָטעס פאר'ן יתומים הויז אויפ'ן נאָמען פון „מינאַ ווס־דע".

די דאָזיגע סומע האבען די קינדער דערהאַלטען פון די פערקויפטע בילעטען אויף דער פאָרשטעלונג, וואס זיי האבען אייגעאָרדענט פערגאַנגענעם זונטאג אין גאָרטען פון דער פּרעבעלשולע פון פרוי לאַטאַ פאַקטאָר און פּרל. מאַניאַ פּרעזעראָוויטש, אַלעע 30.

די איניציאַטיוו צו דער דאָזיגער קינדער-אונטערנעמונג האבען געגעבען די קינדער אליין, וועלכע בעזוכען אין די זומער-פעריען דעם דאָזיגען גאָרטען און זענען געווען אַליין די אויספיהרער, סיי פון דער טעאַטראַלער אויפפיהרונג און אויך פון דער אַדמיניסטראַטיווער, ווי: פערקויפט בילעטען, סצענע, דעקאָראַציעס א. ד. גל.

פון דער דאָזיגער אונטערנעמונג איז געווען ריינע הכנסה 15 זל., וועלכע די קינדער האבען בעשלאָסען דורך דער פערמיטלונג פון אונזער רעדאַקציע איבערצוגעבען דעם יתומים הויז.

באמת א שעהנער טהאט פון קינדער פאר קינדער.

פון א ה. ה. „עקיבא".

די זומער-קאָלאָניעס האבען זיך שוין פערענדיגט, דער ועד מרכזי, וועלכער האט אָבגעהאַלטען א זיצונג די פאָריגע וואָך אין ווישאַגרוד אויף דער צענטראַל-קאָלאָניע האט אויסגעאַרבייט א נייעם פּלאַן אויפ'ן נעכסטען יאָהר. פון דער סטאַטיסטיק, וועלכע איז לעצטענס פערעפענטליכט געוואָרען איז צו בעמערקען א גרויסע אויפלעבונגס-ארבייט, וועלכע דער מזכירות הראשית האט דאס פעראַפּענע יאָהר דורכגעמאַכט. איבער 40 סניפים זענען אין קאָנגרעס-פּוילען שוין געגרינדעט געוואָרען און אין די גרעסערע שטעדט זענען געשאַפען געוואָרען גלילים.

נאָכ'ן צוריקקומען פון די זומער-קאָלאָניעס איז דער גאַנצער סניף אויפגעלעבט געוואָרען. לויט דער אָנגעוויזענער ארבייט פון מזכירות הראשית ווערט געפיהרט די ארבייט אין אַלע דריי גדודים.

די העבראַאישע קורסען קומען פאר נאָרמאַל.

דער גדוד „צעירים" האט זיך לעצטענס בעדייטענד פערגרעסערט. עס זענען דעריבער געשאַפען געוואָרען נייע קבוצות און פּלוטאָגען.

עס האט זיך געשאַפען ביי אונז א דראַמאַטישער קרייז מיט א כאָר, וועלכער וועט שוין די נעכסטע צייט אַרויסטרעטען מיט אַנ'עפענטליכע פאָרשטעלונג.

מאָרגען שבת, 6 א זייגער אָוועגד קומט פאר אין אייגענעם לאָקאַל בערקאַ יאָסעלעוויטשאַ 11 אַנ'„עונג-שבת" מיט א זעהר רייכען פּראָגראַם.

אנו משתתפים בצערו הגדול של הפטרון שלנו
מ' יוסף יונג למות עליו אביו
שמואל ז"ל
בעבודתו לטובת רעיון מלכות ישראל ימצא נחומים.
מפקדת וקן בית"ר בוילון.

Wyrazy szczerego współczucia p. J. JUNGOWI z powodu zgonu
b. p. OJCA Jego
składają
MORYC FAJFER z ŻONĄ

לחברינו יוסף יונג למות עליו אביו
שמואל ז"ל
כוס תנחומים שולחים:
ועד של ברית הצה"ר
וקרן תל-חי בוילון

הערצליכען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס אונזער ג. פריינד
יוסף יונג צוליעב'ן פערלוסט פון זיין זעהר געאכטעטען
פאָטער ז"ל
ישעי' שמולעוויטש, יעקב אהרן
בלאָה, יצחק מאיר ראָזענבלום.

דעם ה' יוסף יונג
הערצליכען מיטגעפיהל דריקען אויס
אדאָלף סאָבעלמאַן און פרוי.

Panu J. JUNGOWI z powodu zgonu Jego nieodżałowanego
b. p. OJCA
składają wyrazy głębokiego współczucia B-cia Krzepiccy, Henryk Rozenbaum z żoną, W. Łaznowski

אַן'אימיטאַציע-בראָש

מיט אַ סאַפיר-שטיין אין דער מיט איז פערלוירען געגאַנגען זונטאג, דעם 28 ד. ח. 9 אַ זייגער אָוועגד בעת'ן ארויפגעהן צום רב אויף אַ חתונה.

דער עהרליכער פינ:ער ווערט געבעטען אזעלכע אבצוגעבן אויפ'ן אדרעס: י. ה. יאַסקאָוויטש, ווארשאווער נר. 23. דער ברענגער וועט ווערן בעלוינט.

Dyrekcja Gimnazjum i Szkoły Powszechnej
D-ra FILIPA AXERA
z prawami szkół państw.
w Częstochowie, ul. Focha № 24.
zawiadamia, że egzaminy wstępne powakacyjne odbędą się w niedzielę, dnia 1 września o godz. 9 rano.
Zgłoszenia przyjmuje się codziennie.

Kierownictwo Szkoły Koedukacyjnej i Przedszkola
im. Zofji Wajnsztokówny
w Częstochowie, II-a Aleja 20, telefon 10-78.
przyjmuje do wszystkich klas codziennie od 10—12 i 16—18.
Egzaminy 1-go września; Lekcje 3-go września.
UWAGA: Zajęcia w PRZEDSZKOLU odbywać się będą PRZED i PO OBIEDZIE.
Przyjmuje się zapisy na WIECZOROWE KURSY JĘZYKÓW ANG., NIEM., FRANC. i HEBR.

SAMUEL KATZ
KRAWIEC DAMSKI
POWRÓCIŁ
i poleca na sezon jesienno-zimowy najnowsze modele, materjały krajowe i zagraniczne oraz futra.
Komunikuję Sz. Paniom o tanim miesiącu przeróbek futrzanych.

TORGSIN
OGÓLNOZWIĄZKOWE ZJEDNOCZENIE DLA HANDLU Z CUDZOZIEMC.
MOSKWA, KUZNIECKIJ MOST 14

אָנווייזונגען אויף אלע שטעדט פון סאָוו.-רוסלאַנד
אויף „טאָרגסין" נעמט אָן:
Bank Gospodarst. Krajowego און אבטיילונגען
Bank PKO, און אָבטיילונגען (22.000 פּאָסט-סטאַנציעס)
Państwowy Bank Rolny (פּ.ק.אָ. ביי אלע פּאָסט-
Pow. Bank Kredytowy S. A, און אבטיילונגען
Bank Zachodni S. A., Tow. „Hias", Pow Bank Związkowy, Bank Handlowy, Bank Związku Spółek Zarobkowych, D|B T. Bunimowicz, Wilno Oddział Banku Drezdeńsk. w Gdańsku און אנדערע
חערט = בריקעס נעמען אָן אלע פּאָסט-אמטען.
פאָדערט די נייע פּרייז-קוראַנטען מיט די פערקלענערטע פּרייזען.
אינפאָרמאציעס ערטיילען אלע דערמאנטע אינסטיטוציעס און די געזעלשאַפט „היאַס"
Warszawa, Plac Grzybowski 10. Tel. 275-63.

פון „ברית-החיל".

אין צוזאמענהאַנג מיט דעם מאַסען-מיטינג, וועלכער קומט פאר שבת, דעם 24-טען ד.ח. 11 אַ זייגער פריה, ווערען אלע חברים אויפגעפאָדערט אונבעדינגט צו קומען אויף דער זביורקע, וועלכע קומט פאר פונקטליך 10.30 פריה.

דעם זעלבען טאג נאכמיטאג פונקטליך 3 אַ זייגער קומט פאר אַ זביורקע, אויף וועלכער אלע חברים מוזען אונבעדינגט זיין אַנוועזענד. מיר גלויבען, אַז די חברים וועלען פערשטעהן די וויכטיגקייט פון דער שעה און וועלען קומען אויף דער זביורקע.

די פאַרבעררייטונגען צום „מכבי"-צוזאמענפליה.

די פאַרבעררייטונגען צום „מכבי"-צוזאמענפליה, וועלכער קומט פאר אין טשענסטאכאוו דעם 21 און 22 ווזשעשען, זענען אין פולען גאַנג. אויסער די קלובען פון קעלצער און ביעלסקער מכבי-קרייזען האבען שוין אַנגעמעלדעט זייער אנטייל אין צוזאַמענפליה די מכבי-קלובען פון לאדז, קראקא און פון איייניגע קלענערע שטעדט. אויף די ספאָרט-פּלעצער און אין די לאָקאלען פון די קלובען ווערט געפיהרט אַ פיבערהאפטע ארבייט, ספעציעל ווערט געהעריג פארבערייט דער טורן-פעסט, וועלכער זאָל געהערען צו די אימפּאָזאַנטסטע טיילען פון צוזאַמענפליה.

אַ לעבהאפטע ספאָרט-ארבייט ווערט אויך אַנגעפיהרט אין היגען „מכבי". יעדען טאָג קומען פאר אויפ'ן ספאָרט-פּלאַץ און אין זאָל איבונגען אין פערשידענע ספאָרט-צווייגען מיט אַ צאָהלרייכע בעטייליגונג פון יוגענד.

די ליטעראַריש-קינסטלערישע אויסגאַבע, געווידמעט דעם יודישען ספאָרט אין טשענסטאכאוו און דער „מכבי"-בעוועגונג, וועט ערשיינען אין אַנפאַנג ווזשעשען.

KINO „EDEN".

סענסאַציאָנעלער פילם פון די צייטען, ווען די פּרויען האבען דעם מאַנספּערשוין נישט אבגעטרעטען
Miasto pod terorem
אין דער הויפּט-ראָל: **זשאַרזש אָ'בריען.**
אַנשטאָט אַ רעווי פאר די ליבהאבער פון פוילישען פילם די הערליכע קאָמעדיע
Co mój mąż robi w nocy?

Kino „LUNA"

היינט! — די סאַלאָן-קאָמעדיע, פול מיט הומאָר און געלעכטער!
Małżeństwo z ograniczoną odpowiedzialnością
אויף דער סצענע:
אַ גלענצליך נייער רעווי - פּראָגראַם
אויסגעפיהרט דורך: **ריטאַ קאָנאַזשעווסקאַ, לו ווילטשינסקאַ, ליסאָווסקי-טריאָ, מ. מירסקאָ, מ. מיעטשקאָווסקי, אַל. אַלעקסי** און **ר. גוראָווסקי.**
אין פּראָגראַם: די נייעסטע סקעטשען, מאָנאָלאָגען, אינסצעניזאַציעס און לידער.

Karaluchy, pluskwy i inne robactwo tępi proszek
„MORANT"

פייערליכע פערענדיגונג פונ'ם צווייטען סעזאָן האַלב-קאָלאָניעס ביים „טאָז".

דינסטאג, 3 נאכמיטאג איז אין גאָרטען פון פּרעזעס ראָזענבערג, יאַסנאַגורסקא 20, פארגעקומען די פייערליכע שליסונג פונ'ם צווייטען סעזאָן האַלב-קאָלאָניעס.

די היי-יעהריגע זומער-אַקציע פון „טאָז" איז, טראָץ דעם שווערען פינאַנסיעלען קריזיס, געפיהרט געוואָרען אין ברייטען מאַסשטאַב: אויף די קאָלאָניעס אין אָסטראָוו האט דער „טאָז" איינגעאָרדענט 77 קינדער און אויף די האַלב-קאָלאָניעס 479. בס"ה האבען פון דער זומער-אַקציע גענאָסען 556 קינדער, וועלכע האבען אין משך פון 4 וואָכען זיך געפונען אויף דער פרישער לופט אונטער דער אויפזיכט פון לעהרער-פּערסאָנאַל און בעקומען גוט און געשמאַק עסען 4 מאָל טעגליך.

צו דער פייערונג זענען געקומען דער שטאָדט-פּרעזידענט י. מאַצקעוויטש, פּרעזעס ראָזענבערג, לייטונג, לעהרער און עלטערן קאָמיטעט פון די פּאָווישעכנע שולען, פערוואַלטונג פון „טאָז" און אַ רייהע פרויען, וואָס האבען מיטגעהאָלפען צום ערפאָלג פון דער זומער-אַקציע.

די קינדער האבען געלעזען זייער קינדער-צייטונג וואָס איז רעדאַגירט געוואָרען דורך די קינדער גופא בעת זייער אויפענטהאַלט אויף דער קאָלאָניע. די צייטונג איז אַ געטריע אָבשפּיגלונג פונ'ם לעבען אויף דער האַלב-קאָלאָניע, לויט ווי די קינדער האבען עס אויפגעפאַסט.

דער אינהאַלט פון דער צייטונג איז זעהר אינטערעסאַנט און האט שטאַרק אויסגענומען ביי די אַנוועזענדע געסט. אויסערדעם האבען די קינדער אויסגעפיהרט איייניגע נומערן געזאַנג, טענץ און סצענקעס, וועלכע זענען אלע געוועזען געלונגען.

דאָס מיידעלע מאַניאַ קאַרמאַן האט דערלאַנגט דעם פּרעזידענט בלומען.

צום סוף האט פּרעזעס ד"ר קאָן געדאַנקט דעם פּרעזידענט, די פּערזאַמעלטע געסט, דעם לעהרער-פּערסאָנאַל, די קינדער פאר זייער פּאַרשטעלונג און על כולם דער פרוי ד"ר י. ליפּינסקי פאר איהר אונערמידליכער אַרבייט ביים אָרגאַניזירען די קאָלאָניעס-אַקציע. ער דאַנקט אויך די עלטערן קאָמיטעטען פון די יודישע פּאָווישעכנע שולען פאר זייער מיטהילף ביים אָרגאַניזירען די אַקציע און אויסגעדריקט דעם וואונש, אַז אויך להבא וועט דער עלטערן-קאָמיטעט שטעהן אין אַ שטענדיגען קאָנטאַקט מיט'ן „טאָז", לטובת די קינדער גופא.

דאַן האבען געדאַנקט דעם פּרעזידענט פאר'ן בעזוך ה"ה האַך אין נאמען פון דער פּאָווישעכנער שול נר. 12 און 13 און יאַרקאָוויזנע אין נאמען פון דער שול נר. 15.

די קינדער-שמחה האט זיך פערענדיגט מיט פיינע מאכלים און זיטוואָרג ארום 7 אָוונד.

אַ גענויען ציפערן בעריכט פון דער אַקציע וועלען מיר ברענגען אין איינעם פון די נאָהנטסטע נומערן.

אלע יודען בעטייליגען זיך זונטאג, דעם 25 ר. ח. אין די וואַהלען צום קאָנגרעס פון דער נייער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע!

די איינוואוינער פון די גאַסען: 1 אלעע, ווילסאָנאַ, גאַריבאַלדיעגאָ, קרוטקא, פּילסודסקיעגאָ, פּיאָטרקאָווסקא, פּאַבריטשנא, פּרושעמיסלאָווא, קאַטעדראַלנאָ, נייער מאַרק וועהלען אין לאָקאַל: פון דער יודישער קהלה, אַלעע 10.

די איינוואוינער פון די גאַסען: סטראָזשאצקאָ, ספּאַדעק, מאַרגאָווא, מיראָווסקא, גאַרנצאַרסקאָ, מאַסטאָווא, סענאַטאָרסקא, קאָזשיאַ, פּטאַשיאַ, נאַדרזשעטשנאָ, יאַסקראָווסקאָ וועהלען אין לאָקאַל: „הכנסת אורחים" גאַרנצאַרסקאָ 63.

די איינוואוינער פון די גאַסען: אַלטער מאַרק, אַגראָדאָווע, בערקאָ יאָסעלעוויטשאָ, פּראָסטא, ווארשאָווסקא, קאָוויאָ, נאַרוטאָוויטשאַ, קיעדרזינסקא, רינעק וואַרשאָווסקי וועהלען אין לאָקאַל: קליינהענדלער-פּעראיין, ב. יאָסעלעוויטשאָ 8.

די איינוואוינער פון די גאַסען: ראַכאָ, רינעק וויעלונסקי, 3-טער מאי, דאָמבראָווסקאָ, יאַסנאָגורסקא, ראַצלאַוויצקאָ, קילינסקיעגאָ, וואַשינגטאָנאָ, קאָפּערניקאָ, פּאַשאָ, שלאָנסקאָ, 3-טע אַלעע, 2-טע אַלעע, אַלעע קאָשציושקי, אַלעע וואָלנאָשטשי, 1-טע מאי וועהלען אין לאָקאַל: „ברית הצה"ר", אַלעע וואָלנאָשטשי 3.5.

בעגריסונגען צום גרינדונגס-קאָנגרעס פון דער נ. צ. אָ.

די צענטראַלע פון „קרן-תל-חי" אין פּוילען אָרגאַניזירט אַ גרויסע אַקציע פון שיקען בעגריסונגס-קאַרטען צו דער ערעפנונג פון דער נייער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין ווינען.

דער גרינדונגס - קאָנגרעס בעדייט דעם אַנהויב פון אַ נייער תקופה אין דער רענעסאַנס-בעוועגונג פון יודישען פאָלק. יעדער נאַציאָנאַלער יוד וועט מיט דער הילף פון דער ספּעציעלער בעגריסונגס-קאַרטע זיך בעטייליגען אין דעם גרויסען היסטאָרישען אַקט, וואָס וועט פאָרקומען אין ווינען.

די בעגריסונגס-קאַרטען ענטהאַלטען אַנ'ענטשפּרעכענדען יודישען טעקסט און זענען פּערזעהען מיט דער עמבלעמע פון דעם גרינדונגס-קאָנגרעס פון דער נ. צ. אָ.

אַנ'אינאַחאַציע אויף דער היגער באַהן-סטאַציע.

די לעצטע טעג זענען אויף דער סטאַציע אין טשענסטאָכאוו איינגעפיהרט געוואָרען אין די פּאַסאַזשיר-וואַרטעזאַלען, ווי אויך אויפ'ן פּעראָן 4 מעגאַפאָנען דורך וועלכע די פערקעהר-פיהרער מאַכען בעקאַנט דער בעפעלקערונג פון וועלכען באַהן-טאָר און אין וועלכע שעה'ן ס'געהען אוועק די צוגען, ווי אויך זייער ווייטערע פערבינדונג.

פון זש. ט. ק.

היינטיגע וואָך קומט פאר אַנ'אויספלוג קיין איצוב, איינגעאָרדענט דורך דער היגער אָבטיילונג פון דער יודישער געזעלשאַפט פאר לאַנדקענטשאַפט.

ווער עס ברענגט 9 פּערזאָן, פאָהרט אַלס צעהנטער בחנם. אינפאַרמאַציעס און איינשרייבונגען קומען פאר אין סעקרעטאַריאַט פון זש.ט.ק., 2 אַלעע 20 (אין דער שולע פון פּרל. וויינשטאָק), וואָס איז טעטיג פון 9—10 אָוונד.

PŁYN
„RADIOL"
radykalnie usuwa odciski, zgrubienia skóry.

Pot pach i niemiłą woń usuwa płyn —
„DELTA"
pot nóg usuwa proszek —
„DELTA"

צו אלע יודישע אָפיצירען און סאָלדאַטען אין רעזערוו!

דער שעפער פון ערשטען יודישען לעגיאָן זאב זשאַבאָטינסקי, האָט פּראָקלאַמירט די ענטשטעהונג פון אַ נייער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, וואָס איהר גרינדונגס-קאָנגרעס וועט פאָרקומען דעם 8-טען סעפּטעמבער 1935 אין ווינען. די פאַהן פון פאָלק און לאַנד-בעפרייאונג, וועלכע איז צום ערשטען מאָל אויפגעהויבען געוואָרען דורך די מעכטיגע הענד פון שעפער פון יודישען שטאַטס-וועזען, טעאָדאָר הערצל, געהט איצט איבער אין די הענד פון זיינע ריכטיגע יורשים. די פאָהן וועט זיין ריין פון די שאָטענס פון פרעמדע אידעען און וועט בעקומען איהרע נאַטירליכע בלוי-ווייסע פאַרבען, וואָס סימבאָליזירען די פרייהייט און ארץ-ישראל'דיגען הימעל.

מיר ווענדען זיך צו אייך, יודישע אָפיצירען און סאָלדאַטען! איהר, וועלכע האט אייער בלוט געגעבען פאר דער בעפרייאונג פון אַנדערע פעלקער און אידעען, גיט אייער הילף אונז און אייך אַליין.

פון ווייטען ארץ-ישראל קלינגט צו אייך מיין רוף: קומט אין אונזערע רייהען, געהט מיט אונז צו דער נייער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, פערלאַנגענדיג צוזאַמען מיט אונז:

1) אַ יודישע מלוכה אין איהרע היסטאָרישע גרעניצען אויפ'ן יסוד פון שטאַטס-וועזען, רעכט און לעגיאָן.

2) פרייע עליה קיין ארץ-ישראל פאר אלע יודען, וואָס שטרעבען צו זייער היסטאָרישער היימאַט, וואָס ווילען זיך צו איהר אומקעהרען.

3) עליה, עקזיסטענץ-מעגליכקייט און ארבייט אין ארץ-ישראל פאר אלע זיך אַהין-רייסענדע פּראָנט-קעמפער, וואָס ווילען מיט זייערע אויסגעפּרובטע כחות און מעגליכקייטען זייער היימאַט דיענען.

יודישע אָפיצירען און סאָלדאַטען! די נייע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, די טרעגערין פון מעכטיגען נאַציאָנאַלען געדאַנק, רופט אייך! קומט אין אונזערע חיל'ישע רייהען! גיט אייערע כחות, קענטנישען און מעגליכקייטען פאר'ן יודישען פאָלק און די יודישע געשיכטע וועט אייך דאַנקבאַר זיין.

די געהעריגע תשובה, וואָס איהר קענט געבען איז, ערפילען דעם בירגערליכען פליכט און געהן צום קאָנגרעס, נעמען אנטייל אין די וואַהלען און דעקלאַרירען זיך אַלע מיטגלידער פון דער נייער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

זאָל לעבען די נייע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע!

זאָל לעבען די קרבנות-גרייטע יודישע סאָלדאַטען און אָפיצירען!

(—) מ. שעסקין.
מפקד-ראשי לברית-החיל בפולניה.

Redaktor i wydawca: S. Bocian
Druk. B. Bocian, Aleja 6